STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01651

VYEDER IN DER HEYM

Jules Verne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01651-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657016517T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

וויעדער

אין דער היינ

— אדער —

רייזע אין א לופט באַ

פון זשול ווערן.

צווייטער טהייל פון אַ רייזע אין אומבעקאַנטע געגענ

פרייא בעארבייטעט פון

א. טאנענבוים.

פרייז 10 סענט.

פערלאג פון

דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני,

87-85-83 קאנאל סטריט, ניו יארק.

Published by

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

1906.

C

1טעס קאפיטעל.

איינגעפראָרען.

וועך עס האט אין זיין לעבען ניט געזעהן א פערפראָרענעס טען
זיך נאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאר א טרויריגען איינדרוק דאָס
מען פאהרט אים ווינטער איבער א געגענד, וועלכע איז בעדעקט מי
אייז, זעהט מען וועניגסטענס פון צייט צו צייט א בוים, א הויכו
ויסשטעקען פון שנעע און עס ווערט איינעם פרעהליכער, ווארימער בי
, ווייל דאָס צייגט איהם, אז ניט אלעס איז טויט, ניט אלעס איז
טאָרבען, דער בוים וועט ווידער וואקסען, דאָס גראז וועט ווידער ב
א גאנצע געגענד וועט ווידער אויפלעבען.

גאנץ אנדערש איז עס אָבער, ווען מען זעהט פאר זיך א פערפ
ער און וויא וויט דיא אויגען קענען גרייכען, זעהט עס נור אייז
יסעס און גרויעס אייז. אלעס איז שטיל, אלעס איז רוהיג, אלעס אין
נגליך, אלעס איז בעדעקט מיט דער איינציגער טרויעריגער פארב — ג
יוי — ווייסליך, דיא פארב פון דיא אלטע יאהרען ביי א מענשען, די
ון אש און שטויב.

מען קען זיך אלזא לייכט פאָרשטעלען, וואס אונזערע רייזענדע א
קאנטע געגענדען האבען געפיהלט, ווען זייא האבען דערזעהן, אז דאָס
פערפראָרען געוואָרען און וויא וויט דאָס אויג קען דערגרייכען, זעהט
אייז און אייז. ביז אהער האבען זיי וועניגסטענס געקענט ארומפאהר
וואסער, מאכען וויזיטען דער נורבי אינזעל, יעצט זיינען זייא איינגעפראָרען, איינ־
געשלאָסען איינגעשפארט אין זייער נייער וואוינונג, וויא געפאנגענע, וויא
ארעסטאנטען.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויגען, יעדער האט געפיהלט, אז ערשט
יעצט הייבט זיך אָן פאר זייא א שווערע, טרויעריגע צייט.

בן זוף איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער האָט געפּאַסט מוטה און ה: אויסגעטראַפען.

— מיר מוזען מאַכען אַ שליטען און פאָהרען, וואוהין מיר וועלען דאַרפען.

— אַ שליטען? האָט קאַפּיטאַן סערוואַדאַק איבער געפרעגט.

— נו, יאָ! אַ שליטען אָדער עטליכע שליטענס, האָט בן זוף געענטפע־־כ

— ווער וועט אָבער שלעפען דעם שליטען? האָט קאַפּיטאַן סערוואַדא וויטער געפרעגט.

— מיר האָבען פערד, מיר האָבען אָקסען און פּאַר אַ נויט קענען מי אַליין שלעפּען דעם שליטען, האָט דער לוסטיגער בן זוף געלאַכט.

דיא אידעע איז אַלעמען געפעלען. ווען מען געפינט זיך אויף אַן אייזמעע דאַרף מען לעבען, וויא עס לעבען דיא ווילדע פעלקער אויף דעם עכטען אייזמעער, עס איז וואַהר, אַז דיא עסקימאָסען, וועלכע לעבען אַרום אייזמעע האָבען הינט, וועלכע זיינען שוין געוואוהנט צו שלעפּען דיא לייכטע שליטען אויף דעם אייז, אונזערע רייזענדע אין אונבעקאַנטע געגענדען האָבען אָבער ניכ געהאַט אַ זעלכע הינט, און זייערע פערד און אָקסען זיינען געוואוינט צום הייסע קלימאַט פון אַפריקא, זייא וואָלטע גאָר ניט געוועזן אימשטאַנד אויסצוהאַלטען דיא קעלט, דערפון אָבער האָט קיינער ניט געדאַכט אין דיזע מינוט.

— ווער וועט אָבער מאַכען אַ שליטען? האָט קאַפּיטאַן סערוואַדאַק געפרעגט.

— דאָס לאָזט איבער מיינע מענשען, האָט שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ געענטפערט, איהר פראַנצויזען קענט ניט מאַכען אַ שליטען, ווייל איהר פאָהרט זעהר זעלטען אויף אַ שליטען, דאָס קענען מיר רוסען, מיר זיינען געוואוינט צו שנעע און אייז, יעדער פון מיינע מאַטראָזען איז שוין איין מאָל געוועזן אויף דעם אייזמעער אָדער אין דיא שנעע־סטעפּעס פון סיביר.

— אַלזאָ צו דער אַרבייט! וויזט, וואָס איהר קענט! האָט קאַפּיטאַן סערוואַדאַק אויסגערופען.

שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ האָט געהייסען זיינע מאַטראָזען מאַכען צוויא שליטענס, אַ גרויסען און אַ קליינעם. דעם גרויסען שליטען האָט ער געדאַרפט אום אַריבער צו פיהרען שווערע און גרויסע זאַכען, ווען עס וועט נעטהיג זיין. דעם קליינעם שליטען פאַר מענשען.

שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ האָט גוט געוואוסט, אַז מיט פערד און אָקסען אַ!

זעהר שווער, כמעט אונמעגליך, צו פאהרען אויף א פערפראָרענעם מעער, ז׳אַנדערס מיט א זעלבע פערד און אָקסען, וועלבע זיינען געוואוינט געוואָרען א ווארעמעם קלימאט, וויא אָלזשיר, ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אז אין ...יר און אויף דעם איידמעער מאכט מען א מאל גאנץ לאנגע רייזען צו פוס, ן מען האט נור א גוטען שליטען, אויף וועלכען מען קען האלטען דיא נעה־ ...ע זאכען. עס איז ניט שווער צו שלעפען א שליטען, ווען מען ווערט נור ...וואוינט מיט'ן איין.

ווען דיא רוסען זיינען אוועקגעגאנגען צו זייער ארבייט, האָט שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ זיך געווענדעט צו גראף טימאשאָוו און קאַפּיטאַן סערוואדאק און האָט געזאָגט צו זייא:

— עס איז געקומען, וויא איך האב עס ערווארטעט, דער ווינטער איז דאָ, ער הייבט ...יך ערשט אָן און עס וועט געוויס ווערן קעלטער און קעלטער. דער ... וויל איז נאך ניט שטארק קאלט. מיר האָבען קיין ווינט און קיין שטורם, אָבער דאָס וועט געוויס אויך קומען. מיר וועלען זיין איינגעשלאָסען, איינגעשפּארט און איינגעקערקערט א לענגערע צייט. וויא לאנג......? איך ווייס עס ניט. —

— צו וואָס זאָגט איהר עס אונז? האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק איהם אונ־ טערבראָכען צו וואָס זאָלט איהר אונז שווער מאכען דאס הערץ?

— איך וויל אייך ניט שווער מאכען דאס הערץ, האָט פּראָקאָפּ געענטפערט איך וויל אייך נור אויפמערקזאם מאכען, אז מען מוז זיך צו פּאסען צו דיא אומשטענדע, מען מוז זיך צו געוועהנען צו דיא נייע לעבענס ארט, מען מוז זיך אזוי איינריכטען, אז מען זאָל קענען איבערטראָגען דיא נייע לעבענס בעדינגונגען.

— איך פערשטעה אייך ניט, האט קאַפּיטאַן סערוואדאק געמורמעלט.

— איהר וועט מיך באלד פערשטעהן, האָט פּראָקאָפּ געענטפערט — ווער עס איז אליין געווען אויף דעם אייז־מעער, אדער ווער עס האָט געלעזען רייזע בעשרייבונגען פון אייז־מעער, דער ווייס, אז פיעלע רייזע עקספּעדיציאָנען זיינען פּעראונגליקט געוואָרען נור דערפאר, ווייל זיי האבען ניט געוואוסט וויא אזוי זיך אויפצופיהרען, וויא אזוי צו לעבען.

עס ווערט קאלט. מענשען און טהיערע מוזען זיך שיצען אונטער א וואַרע־ מען דאך. זייא קענען ניט ארויסגעהן אין דרויסען, זיי קענען ניט ארומגעהען אויף דער פרייער לופט. זייא מוזען זיצען גאנצע טעג, וויא דיא געפאנגענע. זיי ווערן פויל, שלעפעריג, מיעד, קראפטלאָז און ענדליך גאָר קראנק.

מיר רוסען קענען עס זעהר גוט, ווייל אונזערע פישער פון ארכאַנגעלסק
און פון סיביר טוזען גאַנץ אָפט פערבלייבען א גאַנצען ווינטער ערגעץ אויף אן
אינזעל אויף דעם אייז־מעער. ווער עס ווייס ניט, וויא אזוי זיך איינצוריכטען
אויף א לאַנגען ווינטער; ווער עס פערשטעהט ניט וויא אזוי זיך איינצופיהרען
אין דער צייט פון א לאַנגען ווינטער, דער וועט געוויס ניט קענען אויסהאַלטען דעם
לאַנגען ווינטער.

דאס געפעהרליכסטע פון א לאַנגען ווינטער איז א געוויסע קראַנקהייט, —
דיא סקאָרבוט, זיא הייבט זיך אָן מיט קאָפּף שמערצען און גרייפט אָן דיא צעהד
נער, ריכטיגער נאָך דאס צאהן פלייש. עס הייבט אָן צו רינען בלוט פון דיא צעהד
:ער, עס ווערט ערגער און ערגער, דיא צעהנער פאַלען אליין ארויס און דער
מענש שטארבט אונטער שרעקליכע ליידען.

וואס טהוט מען אָבער אום עס צו פערהיטען? — דאָס איינציגע מיטעל
איז בעשעפטיגונג, ארבייט. דאָס איז אָבער לייכט געזאָגט: וואו נעהמט מען אר־
בייט אין א לאַנגער ווינטער נאכט פון איינינע מאָנאַטע? וויא אזוי קען מען בע־
שעפטיגען מענשען, ווען מען האָט פאר זיי גאר קיינע בעשעפטיגונג? — דאָס איז
פראגע וועלכע יעדער שיפסקאפּיטאן מוז זיך שטעלען, ווען ער מאכט פאָרבע־
רייטונגען פאר א לאַנגען ווינטער און אויף דיעזע פראגע מוזען מיר יעצט זוכען
אן אנטוואָרט.

— דאס איז גאַנץ ריכטיג, האָט גראף טימאשאָוו בעמערקט, אין 1775 האָט
דער רוסישער שיפסקאפּיטאן אלעקסעיעוו געמוזט איבער ווינטערן אויף דער
אינזעל „נאָוואיא זעמליא“ און פון זיינע פונפציג מאטראָזען האבען נור פינף
איבערגעלעבט דעם שטרענגען ווינטער. אין 1804 איז אונטערגעגאַנגען דיא גאַנצ
פון שיפסקאפּיטאן גאָלאָווניז, מעהר אלס 100 מאן זיינען אויסגעשטאָר־
בען פון סקאָרבוט.

וואָס זאָלט איהר אונז דערצעהלען דיעזע טרויעריגע געשיכטען? האָט
נעפּרענט אונרוהיג, זאָגט אונז בעסער, וואס מיר זאָלען טאָהן או
זאָלייַן בעשעפטיגען אונזערע מענשען.

מוזען מאכען א פעסטעס פּראָגראם, האָט פראָקאָפ ערקלעהרט,
אנשטעללען אונזער מאשין, אונזער אוהר, אזוי, אז אונזערע מענשען זאָ־
זיין בעשעפטיגט געוויסע שטונדען אין טאג. מיר מוזען זיי ערקלערן
ען וואוינען בעסער און בעסוועמער, ווען מיר זאָלען אויסגראָבען און

זויסהווילען נאלעריען און נעננ אין אונזער הייל. וועט זיין שעהנעס וועטער און מען וועט קענען ארויספאהרען אויפ'ן מעער, דארף מען זייא חייסען זיך לערנען גליטשען אויפ'ן אייז, זיך געוועהנען צו דער קעלט און צום אייז.

פערגעסט ניט, אז מיר האבען שפאניער און גריעכען, מענשען, וועלכע זיינען געוואוינט צו א ווארעמען קלימאט, מיר מוזען זיך זארגען פאר זייא און ניט זוכען א בעערדינונגס פלאטץ פון זייערט וועגען.

— ווילט איהר זיך אונטערנעהמען צו זיין אונזער ארבייט געבער? האט קאפיטאן סערוואדאק געפרעגט.

— איך וועל עס טאהן, האט שיפסקאפיטאן פראקאפ געענטפערט, אבער איהר זייט דאך דער גענעראל גובערנאטאר, איהר דארפט בעפעהלען, איהר דארפט זייא הייסען ארבייטען, איהר דארפט ווייזען אביישפיעל, אז דיעזע ארבייט איז נעטהיג. איך וויים עס פון ערפאהרונג, אז ווען אן ארבייטער וויים, אז מען דארף ניט זיין ארבייט, האט דיעזע ארבייט קיין ווערטה, ער מאכט זיא אהן כוסט, אהן חשק, אהן פערגניגען, זיא ווערט איהם נמאס, און עס איז נאך ערגער, וויא ווען ער האט גאר קיין ארבייט.

מען האט אפגערעדט, וויא מען זאל מאכען און וויא אזוי דיא מענשען זאלען ארבייטען. ווען מען האט אלעס אפגערעדט, האט קאפיטאן סערוואדאק געפרעגט שטילערהייט, גלייך וויא ער וואלט זיך געשעהמט עס ארויסצוזאגען:

— און אונזער אסטראנאם? — וואס וועט ווערן פון דעם געהיימניס־פאלען מענשען, וועלכער האט אונז ביז אהער געשיקט נאכריכטען מיט דער פלאשען פאסט? זאלען מיר איהם לאזען פערפארען ווערן? זאלען מיר גאר ניט זוכען א מיטעל, וויא אזוי איהם אויסצוגעפינען?

אלע האבען געשוויגען איינינע מינוט. יעדער האט געוואוסט און גע־פיהלט, וויא נעטהיג עס איז אויסצוזוכען דיעזען זאנדערבארען מענשען, וועל־כער קען זייא אלעס ערקלערן און אלעס בעלעהרען, אבער וויא אזוי זאל מען עס מאכען? — וואו איז ער? וויא אזוי זוכט מען איהם? וויא אזוי קומט מען צו איהם?

— „קאמט צייט, קאמט ראטה,“ זאגט אן אלטעס שפריכווארט, האט ענדליך גראף טימאשאוו געזאגט. דער וויל קענען מיר גאר ניט טאהן, מיר קע־נען זיך נאך גאר ניט העלפען. ווען דיא שליטענס וועלען פערטיג ווערען און מיר וועלען זיך איבערצייגען, אז דאס גאנצע מעער איז שוין אזוי שטארק פערפרארען,

אז מען קען אויף איהם ארום פאהרען וועלען מיר ארויס שיקען מענשען איהם זוכען.

דער מיט האט זיך דיא בעראטהונג געענדיגט און יעדער איז זיך אוועק געגאנגען צו זיין בעשעפטיגונג.

2טעם קאפיטעל.

א בריעף טויב.

דעם אנדערן טאג איז מען ארויסגעגאנגען זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער נייער וועלט.

דאס וועטער איז געווען שעהן, אבער קאלט. דאס טהערמאמעטער האט געוויעזען נור 15 גראד קעלט. מען האט פראבירט דאס אייז און מען האט געפונען, אז עס איז שוין גענוג שטארק אום אויסצוהאלטען דאס געוויכט פון א שווערן מענשען.

— בעטראכט נור דאס אייז, האט שיפסקאפיטאן פראקאפ געזאגט.

— וואס זאל מען דא בעטראכטען? — אייז איז אייז! האט בן זוף אויסגערופען.

— האט איהר אמאל געזעהן דאס איידמעער האט פראקאפ איהם געפרעגט.

— ניין, איז געווען דיא אנטווארט.

— דאן ווייסט איהר ניט, וואס עס הייסט אייז, האט שיפסקאפיטאן פראקאפ געענטפערט רוהיג. —

ערקלערט עס אונז, קאפיטאן, האט סערוואדאק געבעטען, מיר זיינען אויפגעוואקסען איןווארעמע געגענדען און ווייסען ניט, וואס אייז איז.

— אויף דעם איידמעער איז דאס אייז אויפגעהויפט, האט שיפסקאפיטאן פראקאפ ערקלעהרט, אויף דעם איידמעער בעשטעהט דאס אייז פון שטיק פון צוזאמענגעפ־ארענע פלעצלעך, פון גרויסע, פלאכע שטיקער, וועלכע זי ארומגעשוואומען אויף דער פלאכער זייט, אבער א שטארקער ווינט האט ז איינגעפהויבען, געשטעלט מיט דיא שארפע קאנטען ארויף, דיא צונויפגעפרע

און אזוי איינגעפראָרען. דאס איז דיא אורזאכע, ווארום עס איז אזוי שווער צו געהן, צו וואנדערן אויף דעם אייז־מעער. מען געהט ניט מען מוז קלעטערן און זעהר אָפט מוז מען ארויפקלעטערן אויף געגוג הויכע בערגלעך און זאָגאר בערג. א רייזע אויף דעם איידמעער איז זעהר בעשווערליך זאָגאר, ווען מען האָט שליטענס מיט הינט, ווייל דיא הינט זיינען צו שוואך אום אריבערצושלעפען דעם שליטען איבער דיא שארפע קאנטען פון דיא שטיקער אייז.

דא אָבער, אויף אונזער מעער, איז דאָס אייז גלאט און פלאך, וויא אויסגעגאסען, וויא אָפגעהובעלט; מען קען דענקען, אז דאס איז א פארקעט פון א טאנץ זאאַל, אזוי גלאט, אזוי פּאָלירט, אזוי גלייך איז עס. — יעצט, ווען עס איז נאך ניט שטארק קאלט, וואָלט מען געדאַרפט געוועהנען דיא שפאניער זיך דורכצוגליטשען אויף דעם אייז.

— דאָס איז א גוטער איינפאל! האָט בן זוף אויסגערופען, איך מוז מיך לערנען גליטשען, ווען איך וועל קומען אין פאריז, וועל איך אלעמען ווייזען וואס איך האָב געלערנט אויף דער גאכליא.

צום גליק, האבען זיך געפונען אויף דער „דאָברינ׳א“ עטליכע פּאָאָר אייזערנע שליט־שוה.

מען האָט זיי באלד ארויסגעבראכט און גראף טימאשאָוו און שיפסקאפּיטאן פראָקאָפּ האָבען געוויזען דיא פראנצויזען און דיא שפאניער, וויא מען גליטשט זיך אויף שליט־שוה.

דיעזער טאג איז געוועזן א ווירקליכער פייערטאָג, א יום־טוב, אלע האָבען זיך געפרעהט, אלע זיינען געוועזן העכסט צופריעדען.

דיא קליינע נינא און דער יונגע פאבלאָ האָבען באלד איבערגענומען דיעזע קונסט און האָבען זיך געגליטשט אזוי גוט, וויא דיא רוסען; דיא שפאניער אָבער האבען צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען פּרובירט שטעהן אויף א פּערפּראָרענעם מעער און האבען מורא געהאט זיך צו ריהרען פון אָרט.

— ווען דאס וועטער וועט זיין אזוי שעהן, וועל איך מאָרגען מאכען א רייזע צו דער גורבי אינזעל אום צו זעהן וואָס דאָרט טהוט זיך, האָט שיפסקאפּיטאן פראָסאָפּ געזאָגט.

— און ווען דיעזע רייזע וועט געלונגען, וועל איך מיט אייך פאהרען זוכען דעם געהיימניספאָלען אסטראָנאָם, וועלכער האָט אונז געשיקט נאכריכטען דורך דיא פלאשען פּאָסט, האָט גראף טימאשאָוו צוגעזעצט.

אונטערדעסען האָט אנגעהויבען צו ווערן קעלטער און קעלטער. דיא זון האָט צוואר געשיינט, אבער וויא דורך א געדיכטען שלייער. מען האט געזעהן דיא זון, אָבער מען האָט געקענט קוקען גלייך אויף איהר און עס האָט ניט געשאדעט דיא אויגען. דער הימּמעל איז געוועזן קלאָר און לויטער און דאָך האָט דיא זון געלייכטעט אזוי שוואך, אז מען וואָלט קוים געקענט לעזען א בריעף פאר איהר ליכטיגקייט.

דיעזער האלב דונקעל, דיעזע פינסטערניס, האָט געווירקט זעהר שלעכט אויף אלעמען, בעזאָנדערס אָבער אויף דיא שפאניער, ליכט איז לעבען, דער מענש פיהלט זיך ניט גוט אין דער פינסטערניס. בן זוף האָט פראָבירט צו לאַכען, צו מאכען שפאס, פרעהליך צו מאכען אלעמען, דאס איז איהם אָבער ניט געלונגען. קיינער האָט ניט געוואָלט לאכען, קיינעם איז ניט געוועזן פרעהליך אויפ'ן הערצען, יעדער האָט געפיהלט, אז ער געפינט זיך אין אונבעקאנטע געגענדען.

עס איז געוועזן דייטליך, אז דיא „גאלליא“ דער ווייטערט זיך פון דער זון, אז זיא געהט אלץ ווייטער און ווייטער אוועק פון יעדער ליכטיגקייט און פון יעדער וואַרימקייט, און זאָגאר דיא אונוויסענדע שפאניער האָבען אָפט געפרעגט זיך אליין:

— נו וואָס וועט ווייטער זיין? וועלען מיר אלע אומקומען פון קעלט און הונגער, אָדער וועלען מיר דאָך א מאָל צוריק קומען אין דיא אלטע וועלט, צווישען מענשען, וויא א מאָל?

איין איינציגער מענש האָט זיך ניט געקימערט, וואו מען איז און וואס עס טומט פאָר ארום איהם. דאָס איז געוועזן דער אלטער גרעק. זייט מען האָט געבראכט זיין שיף מיט געוואלד צום וואולקאן און מען האָט עס גוט צוגעבונדען צו א שטיין, האָט ער זיך איינגעשלאָסען אין זיין „געאָרגאָס“ און האָט זיך מעהר ניט געוויזען אין דרויסען. בן זוף האָט איינינע מאָל געוואָלט געהן זעהן, וואָס ער מאכט דאָרט אין זיין אלטען, הילצערנעם קאסטען, קאפיטאן סערוואדאק אָבער האָט איהם ניט געלאָזען.

— ווען עס וועט איהם קאלט ווערן, וועט ער ארויס קריעכען פון זיין נעסט, האָט קאפיטאן סערוואדאק געזאָגט. —

א נייע אונאנגעמגליכקייט האט פאסירט. זייט עס האט אנגעהויבען צו ווערן שטארק קאלט, האבען אנגעהויבען צו קומען פייגעל פון אללע זייטען זיך

אנוואָרמען לעבען וואולקאַן, אזוי וויא זיי האָבען אָבער ניט געהאט וואָס צו עסען, האָבען זייא אָנגעהויבען אָנצופאלען אויף יעדען, וועך עס איז ארויסגעקומען פון הייל.

אַ ן מאָל איז דיא קליינע נינא ארויסגעגאנגען אליין פון הייל. דיא פייגעל זיינען אָנגעפאלען אויף איהר פון אלע זייטען און האָבען אָנגעהויבען זיא צו פי־קען און צו רייסען פון איהר שטיקער. זיא האט געמאכט א געוואלד, עס זיינען ארויס געלאָפען מענשען וועלכע האבען אוועק געטריעבען דיא פייגעל מיט שטע־קענס. זייט דאמאלס פלעגט יעדער מוזען ארויס געהן מיט א שטעקען אדער מיט א בייטש אום זיך צו וועהרען געגען דיא פייגעל.

מיט דעם הונגער איז אָבער ניט צו שפאסען, דיא פייגעל זיינען ענדליך געוואָרען הונגעריג, אז זייא האבען אנגעהויבען אריינצופליעהען אין הייל. מען האָט געמוזט זייא לאָזען און זייא געבען, וואס עס פלעגט בלייבען פון דעם עסען.

אזוי זיינען וויעדער פערגאנגען עטליכע טעג דיא שליטען זיינען פערטיג גע־וואָרען און שיפסקאפיטאן פראָקאָפ האָט אנגעהויבען זיך פאָרצובערייטען אויף א לאַנגע רייזע אויסצוגעפינען דעם געהיימניספאללען אסטראָנאָם, וועלכער האָט מיט זיי בין אהער קאָררעספאָנדירט דורך דיא פלאשען פאָסט.

זיך פאָרבערייטען אויף א רייזע אויף אן אייז־מעער איז פיעל לייכטער צו זאָגען, וויא אויסצופיהרען· מען דארף ניט פערגעסען, אזוי וויא גלאט דאס אייז איז געוועז, איז עס דאָך ניט לייכט צו געהן צו פוס און נאָך צו שלעפען הינטער זיך א שווערן שליטען. יעדעס איבעריגע פונט, וואָס מען נעהמט מיט אויף דער רייזע, קען ווערן א גאנצע משא, ווען מען ווערט מיעד און דיא גליעדער ווערן פערגליווערט פון קעלט. מען מוז אלזאָ וויסען, וואָס מיט צונעהמען און וויא פיעל מיט צו נעהמען פון יעדער זאך. שיפסקאפיטאן פראָקאָפ איז צוואָר שוין עטליכע מאָל געפאהרען אויף דעם איידמעער און ער האט שוין געוואוסט וואָס מען דארף מיטנעהמען, ער האָט זיך אָבער געפונען יעצט אין גאנץ בע־זאָנדערע אומשטענדע, ער האט דאָך ניט געוואוסט, וואָס פאר א סאָרט אייז־מעער עס געפינט זיך אויף דער „גאלליא“ און דארום האבען זיינע פאָרבערייטונגען גענומען פיעל צייט.

איין מאָל, אין א שעהנעם, שטילען, רוהיגען פריה מאָרגען, וויא ער האט נור געקענט פארקומען אויף דער „גאלליא“ אנפאנגס ווינטער, דאָס הייסט, ווען

דיא זון האט זיך געוויעזען, אָבער זיא האט וועניג געלייכטעט און נאָר ניט געווארט, האט בן זוף געהערט א געשריי:

— געוואלד! רעטעט!

ער איז ארויסגעלאָפען פון דער חייל זעהן, וואס דאָרט איז, און האָט דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, וויא עטליכע הונדערט מעווען — מעער־פייגעל, זיינען אָנגעפאלען אויף דיא קליינע נינא.

ב: זוף, וועלכער פלעגט שטענדיג טראָגען מיט זיך זיין שווערט אלס אונ־
ט. א .יער פון דער פראנצויזישער ארמעע, האָט באלד ארויסגענומען זיין שווערט פון שייד און האט צוטריעבען דיא פייגעל, דערבייא האָט ער אייניגע פון זייא געטייטעט.

ווען דיא פייגעל זיינען ענדליך אנטלאָפען האָט ער געפרעגט דיא קליינע נינא:

— וואָס איז דאָ געשעהען? פאר וואָס זיינען זייא גאָר פלוצלונג אויף דיר אָנגעפאלען?

נינא האט איהם געוויעזען א טויב, וועלכע זיא האט געהאלטען אין איהרע קליינע הענד.

— וואָס איז דאס? האט בן זוף געפרעגט פערוואונדערט.

— איך בין ארויסגעגאנגען פון הייל און האָב זיך געוואלט גליטשען אויף דעם אייז, האָט נינא דערצעהלט, — אזוי וויא איך בין געשטאנען אויף דעם ברעג, איז דיעזע שעהנע טויב געקומען צו פליהען גלייך צו מיר. איך האָב זיא געחאפט, זיא איז אָבער נאָר ניט אנטלאָפען, זאָנדערן האט זיך צונעלענט צו מיינע הענד. איך האָב אָנגעהויבען יא צו גלעטען און צוריידען צו איהר, דאן זיינען דיא פייגעל אָנגעפאלען אויף מיך און האָבען געוואלט ארויסרייסען פון מיינע הענד דיא ארימע, שוואכע און מיעדע טויב.

בן זוף האט אָנגעהויבען צו בעטראכטען דיא טויב און האט אויסגערופען מיט שטוינען:

— דאָס איז א בריעף טויב! אויף איהר האלז הייננט א ביימעלע!

ער האָט אָנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד און האט געשריען וויא א וואהנזיניגער:

— קאפיטאן סערוואדאק! גראף טימאשאָוו!

ער האָט געשריען אזוי הויך אז די גאנצע קליינע קאלאָניע איז זיך צונויפגעלאָפען.

ווען גראף טימאשאָוו האָט א קוק געטאָהן אויף די טויב, האט ער אויס־גערופען פול פרייד:

— דאס שיקט אונז דער געהיימניספאלער אסטראָנאָם א בריעף טויב!

אלע האבען זיך ארומגעשטעלט ארום די קליינע נינא מיט איהר טויב. קאפיטאן סערוואדאק, אלס גענעראל גובערנאטאָר, האט אראָפּגענומען פון דער טויב דאָס קליינע בייטעלע, וועלכעס איז געהאנגען אויף איהר האלז, און האָט עס געעפענט.

עס איז געווען שטארק צוריסען. די פייגעל, וועלכע זיינען אָנגעפאלען אויף די קליינע נינא, האבען עס צוריסען מיט זייערע שארפע שנאָבעל.

אין דעם בייטעלע האט זיך געפונען צונויפגעקייקעלט א קליין שטיקעלע פאפיער.

נייגיערינג, מיט ציטערענדע הענד, האָט גראף טימאשאָוו פאָרזיכטיג צונר מען און אויפגעקייקעלט דאס שטיקעלע פאפיער. עס איז געווען בעשריעבען.

מיט שווערער מיה האָט גראף טימאשאָוו געלעזען:

„גאלליא!“

„ווייט פון דער זון 110,000,000 מייל“

„געחאפט די גערינא“

„קיינע לעבענס מיטעל! — הונגער......“

עס זיינען געווען אנגעשריעבען נאָך צוויא צייכען, אָבער די מעווען, די הונגעריגע מעער־פייגעל, וועלכע זיינען אָנגעפאלען אויף די מיעדע טויב, האבען אזוי צוריסען דאָס קליינע שטיקעל פאפיער, אז עס איז געווען אונמעגליך ווייטער צו לעזען אָדער צו פערשטעהן, וואָס דאָרט איז געווען אָנגעשריעבען.

איינינע מינוטען זיינען אלע געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט. יעדער האט פערשטאנען, אז דער אונבעקאנטער אסטראָנאָם האָט זייא ווידער אנגע־וויעזען, וואו זייא זיינען ערגעץ אין דער וועלט, יעדער אָבער האָט ווידער פער־שטאנען, אז דער אונגליקליכער געלערנטער געפינט זיך אין דער גרעסטער נויט, עס פעהלען איהם לעבענס מיטעל, און ווען מען וועט איהם ניט באלד העלפען, וועט ער שטארבען פון הונגער.

וואו איז ער אָבער? וואו געפינט ער זיך? וויא אזוי קען מען איהם העלפען?

אויף דיעזע פראגען האט קיינער ניט געקענט ענטפערן.

פלוצלונג האָט נינא אויסגערופען:

— זעהט נור! אָט איז עפּעס א צייכען!

אלע האָבען זיך אומגעקוקט און האבען בעטראכט דיא טויב.

אויף דעם לינקען פליגעל פון דער טויב איז געווען א שטעמפעל, א פּאָסט מארקע, מיט דער גאנץ דייטליכען אויפשריפט:

„פּאָרטענטערא!“

3טעס קאפּיטעל.

וואס איז א בריעף טויבען פּאָסט?

„פּאָרטענטערא!“ האט שיפסקאפּיטאן פּראקאפּ אויסגערופען, — „פּאָרטענ־טערא“ איז א קליינע אינזעל אין מיטעללענדישען מעער. זיא געהערט צו דער גרופּע אינזלען — עטליכע אינזלען צוזאמען, — וועלכע הייסען דיא באַלעארען און געהערען צו שפּאניען, דיא הויפּט שטאדט פון דיעזע אינזלען הייסט פּאלמא און געפינט זיך אויף דער גרעסטער אינזעל פון דער גאנצער גרופּע — מאללאָרקא.—

בן זוף האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען, ער איז געשטאנען, וויא אויף הייסע קוילען, און האָט אויסגערופען:

— אום גאָטטעס ווילען! לאָמיר שוין פּאָהרען נאָך פּאָרטענטערא זוכען אונ־זער לאנדסמאן!

— וואָס הייסט אייער לאנדסמאן? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט, — פון וואנען ווייסט איהר, אז ער איז א פראנצויז?

— זעהט איהר דען ניט, אז ער שרייבט פראנצויזיש? האָט בן זוף זיך געקאָכט, ער איז א פראנצויז! איך שווער עס בייא מיין עהרע אלס פראנצוי־זישער סאָלדאט!

— און ווען ער איז א פראנצויז, האָט ער מעהר אנשפּרוך אן אונזערע

דעם וועג א היים קען איך ניט ערקלערן און איך גלויב, אז אנדערע מענשען, קלינערע פון מיר, וועלען עס אויך ניט קענען ערקלערן.

עס איז אָבער געוויס, אז וויא ווייט מען זאָל ניט אוועקפיהרען א טויב פון איהר נעסט, פון איהר היים, קוים לאָזט מען זיא אָפּ, פליהט זיא גלייך א היים.

— האָבען דען ניט אנדערע פייגעל דעמזעלבען אינסטינקט, דאסזעלבע נאַטור געפיהל? האָט שיפסקאפּיטאן פראָקאָפּ געפרעגט.

— געוויס האָבען עס אנדערע פייגעל אויך, אבער ניט אלע פייגעל קען מען אזוי לייכט צו געוועהנען צו א מענשען און ניט אלע פייגעל קענען פליעהען א ווייטע שטרעקע, איז געוועזען דיא אנטוואָרט.

— מיר דאכט, אז פאטער נח האָט שוין זיך בענוצט מיט דער טויבען פּאָסט, האָט גראף טימאשאָוו געשפּאָסט, ער האָט אנפאננס פּראָבירט א ראָב עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויעזען, אז דער ראב, דער עורב איז א שלעכטער פּאָסטיליאָן, און ער האָט פּראָבירט א טויב, דיא טויב האָט איהם ווירקליך געבראכט א גוטע נאכריכט.

— דאָס קען זיין, האָט סערוואדאק געענטפערט, נח'ס פּאָסט איז אָבער געוועזען זעהר איינפאך, ער האָט געוואָלט וויסען, אויב עס וואקסט עפּעס אויף דער וועלט, און ווען דיא טויב האָט איהם געבראכט דעם בלאָט פון אן אייל בוים, איז ער געוועזען העכסט צופריעדען. אונזער טויבען-פּאָסט איז אָבער גאנץ אנדערש. איך ווייס עס, ווייל אין דער פראנצויזישער ארמעע געברויכט מען שוין לאנג טויבען אלס בריעף טרעגער.

מען מוז אָבער לערנען דיא טויב פליעהען א לאנגע שטרעקע, מען פּ-אָבירט וועלכע טויב טויג אם בעסטען צו זיין א בריעף טרעגער.

— וויא קען מען עס וויסען? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט.

— גאנץ איינפאך, איז געוועזען דיא אנטוואָרט. מען דערציעהט גאנץ יונגע טויבען, לאָמיר זאָגען 20 שטיק. ווען זיי לערנען זיך אויס גוט פליעהען, נעהמט מען זייא אין א שטייג און מען פיהרט זייא אוועק צוואנציג — דרייסיג מייל ווייט פון דער היים. דאָרט לאָזט מען זייא אָפּ. יעדע טויב איז בעצייכנעט מיט א נומער. ענטוועדער דיא נומער הייננט בייא איהר אויפ'ן האלז, אָדער דיא נומער ווערט געשטעמפּעלט אויף איהרע פליגעל.

ווען מען לאָזט זייא אָפּ, פערשרייבט מען זיך דיא שטונדע, דיא מינוט

און דעם פּלאַץ, וואו מען האָט זיי אָפּגעלאָזען. אַלע טויבען פליהען אַ היים, צוריק צו זייער נעסט.

אין דער היים, אין דעם אָרט, וואו זייא זיינען ערצויגען געוואָרען, און פון וואנען מען האט זייא גבראכט, ווארט אויף זייא איינער. ווען אַ טויב קומט צוריק צו פליהען, נעהמט ער זיא און פערצייכענט זיך איהר נומער און דיא שטונדע און דיא מינוט, ווען זיא איז אנגעקומען. זאָ צום ביישפּיעל, ווען דיא טויב נומער 2 איז אנגעקומען 5 אוהר 35 מינוט, נאָך מיטאג ווערט עס פערשריעבען. ווען דער מאן, וועלכער האָט אוועקגעפיהרט און אָפּגעלאָזען דיא טויבען, קומט אַ היים, נעהמט ער זיין בוך און זוכט אויס טויב נומער 2 דאָרט געפינט ער, אז דיא טויב נומער 2 איז אוועקגעפלויגען אַ היים פונקט 1 אוהר, דאן ווייס מען, אז דיא טויב נומער 2 האָט געמאכט אַ שטרעקע פון 30 מייל אין 4 שטונדען 35 מינוט.

יעצט זעהט מען, ווען מען האָט אָפּגעלאָזען דיא טויב נומער 3. מען געפינט, אז טויב נומער 3 איז אָפּגעלאָזען געוואָרען פונקט 2 אוהר, זיא איז געקומען אַ היים 4 אוהר 50 מינוט, אָדער 10 מינוט צו 5. דאן ווייס מען, אז טויב נומער 3 האָט געמאכט דיא שטרעקע פון 30 מייל אין 2 שטונדען 50 מינוט, אַלזאָ טויב נומער 3 קען בעסער פליעהען פון טויב נומער 2.

דאן נעהמט מען טויב נומער 4 דיעזע טויב האָט מען אָפּגעלאָזען 2 אוהר 30 מינוט, אָדער פונקט האלב נאָך 2 זיא איז געקומען אַ היים 4 אוהר 30 מינוט, אַלזאָ האָט זיא געמאכט דיא שטרעקע פון 30 מייל נור אין 2 שטונדען, אַלזאָ איז זיא דיא בעסטע און פעהיגסטע בריעף טויב און מען לעגט אויף איהרע פליגעל אַ שטעמפּעל מיט דעם נאמען פון דעם אָרט, וואו זיא איז געבאָרען געוואָרען און אויפגעוואקסען, אום מען זאָל וויסען, אז וואו מען וועט זיא אָפּלאָזען, וועט זיא קומען צוריס צו דיעזער סטאַציאָן.

אַלזאָ, ווען אַ טויב טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פּ א ר י ז, הייסט עס, אז ווען מען וועט זיא אָפּלאָזען אין לאָנדאָן, אין בערלין, אין סט. פּעטערסבורג, וועט זיא שטענדיג צוריק פליהען נאָך פּאריז, וועט מען זיא אָבער אָפּלאָזען אין פּאריז, וועט זיא בלייבען אין פּאריז, זיא וועט ניט פליעהען נאָך לאָנדאָן בערלין, סט. פּעטערסבורג. מען קען זיא נור שיקען פון יענע שטעדט נאָך פּאריז, אָבער ניט פון פּאריז ערגעץ אנדערש.

מיר געפינען אַ גאנץ געטויע בעשרייבונג, וויא אַזוי דער פּערזישער קעניג

קסערקסעס I פלעגט זיך בענוצען מיט דער טויבען־פאסט, ווען ער האט געפיהרט קריעג מיט גריעכענלאנד. אויף דעם גאנצען וועג פון שושן ביז קאנסטאנטינאפאל האבען זיך געפונען פאסט סטאציאנען מיט טויבען.

דער קעניג איז ארויס געפאהרען פון שושן, זיין הויפטשטאדט, און איז אנגעקומען אין בבל, זיין ערשטע סטאציאן. דא האט ער זיך דערמאנט, אז ער דארף הייסען זיין גענעראל, ער זאל איהם צו שיקען נאך פינף טויזענד סאלדאטען, דאן האט ער אנגעשריעבען זיין בעפעהל און האט איהם צוגעבונדען צום האלז פון א טויב, וועלכע ער האט מיט געבראכט פון שושן. דיא טויב איז געפלויגען צוריק א היים און האט געבראכט דעם בעפעהל צו דעם גענעראל, וועלכער האט געהאלטען מענשען, וועלכע האבען שטענדיג געהאלטען וואך און געוואכט אויף דיעזע טויבען.

ווען מען האט געוואלט, אז דיעזעלבע טויב זאל נאך אמאל דיענען אלס בריעף טרעגער פון בבל, האט מען געמוזט זיא ווידער שיקען נאך בבל.

אין בבל האט מען ווידער געהאלטען טויבען, וועלכע זיינען דארט אויפגעוואקסען און זייער נעסט איז זייא געווען ליעב און טהייער. ווען דער קעניג איז ווייטער געפאהרען פון בבל נאך ירושלים, האט ער מיט גענומען דיעזע טויבען, און ווען ער האט געוואלט שיקען א בריעף פון בבל, נאך ירושלים האט ער איהם צוגעבונדען צום האלז פון אזא טויב און האט זיא אפגעלאזען. דיא טויב איז געפלויגען א היים נאך בבל און האט פינקטליך געבראכט דעם בריעף.

דיעזע טויבען־פאסט האט זיך ניט געענדערט, זייט פינף הונדערט יאהר פאר קריסטוס ביז אויף היינטיגען טאג. אין דער פראנצויזישען ארמעע בענוצט מען זיך נאך יעצט אויך מיט דער טויבען פאסט, ווען מען האט קיינע אנדערע מיטעל, אבער עס איז דיעזעלבע טויבען־פאסט, וויא קעניג קסערקסעס פלעגט זיא געברויכען.

— אלזא, ווען אויף דיעזער טויב ליעגט א שטעמפעל „פארמענטערא,“ הייסט עס, אז זיא קען קומען נאך פארמענטערא? האט גראף טימאשאוו געפרעגט.

— ניין, גראף, האט סערוואדאק געענטפערט. דיעזער שטעמפעל איז ניט דיא פאסט־מארקע פון דער טויב, דיעזען שטעמפעל האט מען געלעגט, אום מענשען זאלען וויסען, פון וואנען דיא טויב קומט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס? האט גראף טיטאשאוו געפרעגט.

— ווען דער שטעמפעל פארמענטערא וואלט געווען די פאסט מארקע פון דיעזער טויב, וואלט זיא אהער ניט געקומען, האט סערוואדאק געענטפערט.

— אלזא דארפען מיר דאך וויסען, פון וואנען דיעזע טויב איז, האט גראף טיטאשאוו געזאגט.

— דאס איז ניט שווער אויסצוגעפינען. לאמיר זיא נור בעטראכטען נאך א מאל.

מען האט גענומען די טויב און מען האט אנגעהויבען צו בעטראכטען יע־דען פעדער פון איהרע פליגעלעך.

— אהא! האט בן זוף אויסגערופען, אט איז עס! — זעהט! אט שטעהט עס דייטליך: נ א ר ב א ן!

אלע האבען זיך צוגעקוקט און האבען דערזעהן אויף דעם רעכטען פליגעל פון דער טויב איז אויף איינעם פון די גרעסערע פעדערן געווען אויפגעפרעסט גאנץ דייטליך דער שטעמפעל „נ א ר ב א ן.“

— איך האב אייך געזאגט, אז ער איז א פראנצויז! האט בן זוף געשריען אויסער זיך, איהר האט מיר ניט געוואלט גלויבען אט איז עס! נארבאן איז א זעהר אלטע שטאדט אין פראנקרייך, אין נארבאן געפינט זיך די עלסטע אוני־ווערזיטעט אין פראנקרייך, אין נארבאן האבען שטענדיג געלעבט און געלערנט די גרעסטע פראנצויזישע געלערנטע אין נארבאן......

— מיר ווייסען זעהר גוט, וואס פאר א שטאדט נארבאן איז האט גראף טיטאשאוו ענדליך אונטערבראכען דעם אונרוהיגען פראנצויז, עס האנדעלט זיך יעצט ניט וועגען די שטאדט נארבאן, מיר ווייסען יעצט, אז דיעזע טויב שטאמט אדער געהערט צו דער פאסטאציאן נארבאן. זיא איז ארויסגעשיקט געווארען פון פארמענטערא אין דער האפנונג, אז זיא וועט פליהען א היים נאך נארבאן. —

— גאנץ ריכטיג! האט בן זוף געשריען, ווי א וואהנזיניגער.

— זיא האט אבער ניט געקענט טרעפען א היים, ווייל די שטאדט נאר־באן געפינט זיך יעצט אויף א נאנדער שטערן, אויף דעם שטערן, וועלכען מיר רופען ערד. זיא איז ארומגעפליגען אזוי לאנג, ביז זיא איז געקומען צו אונז.

— אבער מיינע הערען, האט קאפיטאן סערוואדאק אויסגערופען, מיר שטעהן דא און פלוידערן אין דער צייט, ווען אונזער לאנדסמאן ליידעט הונגער.

לאָמיר בעסער זעהן, אז מען זאָל שנעל פאהרען און איהם העלפען, איהם ברענגען לעבענס מיטעל, איהם נעהמען אהער.

— דאָס איז לייכט געזאָגט, וויא פיהרט מען עס אָבער אויס? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט.

— מיר האבען דאָך שליטענס, האָט בן זוף אויסגערופען, לאָמיר אָנלאדען דיא שליטענס מיט לעבענס מיטעל און לאָמיר פאהרען נאָך פאָרמענטערא.

— שליטענס האָבען מיר, מען קען זייא אויך אנלאדען מיט אלערליי לעבענס מיטעל האָט שיפסקאפיטאן פראָקאָפּ געזאָגט רוהיג, ווער וועט אָבער שלעפען דיא שליטענס? ווען מיר ווילען העלפען דעם אונבעקאנטען אסטראָנאָם אויף דער אינזעל פאָרמענטערא, מוזען מיר עס טאָהן וויא אם שנעלסטען, דאן מוזען מיר האָבען א קראפט, וועלכע זאָל טרייבען אָדער שלעפען אונזערע שליטענס.

— אלזאָ, וואָס טהוט מען? האָט קאפיטאן סערוואדאק געפרעגט.

— ערלויבט מיר, מיינע העררען, אייך אויפצוגעבען א פלאן, האָט גאָר פלוצלונג געזאָגט דער אינזשעניר פון דער „דאָברינא“ טיגעלעוו.

— בּיטע, זאָגט אונז אייער פלאן! האָבען אלע אויסגערופען.

— איך האָב געהערט, אז אין אמעריקא פאָהרט מען מיט שיפען אויף דעם אייז, האָט טיגעלעוו ערקלערט, ווען אין אמעריקא זיינען נאָך ניט געווען אזוי פיעל אייזענבאהנען אין דיא נאָרד שטאאטען, דיא שטאאטען פון צפון, זיינען נאָך געווען אזוי וועניג בעפעלקערט, אז פון איין שטאדט צו דער אנדערער פלעגט זיין א שטרעקע פון הונדערטער מייל, פלעגט מען אום ווינטער, ווען דיא גאנצע געגענד פלעגט זיין מיט שנעע און אייז, נעהמען א קליין שיפעל, עס ארויפלעגען אויף רעלסען, וויא אויף א שליטען און מען פלעגט צו איהם בעפעסטיגען א שטארקען זעגעל, דער ווינט פלעגט טרייבען דעם זעגעל וויא ער טרייבט דיא זעגעל פון א שיף אויפ'ן מעער, און אויף דיעזער ארט פלעגט מען דורכפאהרען הונדערטער מיילען אין א גאנץ קורצע צייט. מיר געפינען זיך יעצט פונקט אין דער זעלבער לאגע. דאָס מעער איז פערפראָרען, עס איז גלאט וויא א שפיעגעל, ווען מיר זאָלען נעהמען דאָס גרויסע באָאָט פון דער „דאָברינא“ און זאָלען אויף איהם בעפעסטיגען דיא זעגעל פון דעם „גאָרגאָס,“ וועלען מיר קענען אין א גאנץ קורצע צייט קומען נאָך פאָרמענטערא, בעזאָנדערס ווען מיר וועלען האָבען א גוטען ווינט.

— דער פּלאַן איז פּאַרטרעפליך ! האָט שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ אויס־פּען, שאַדע, וואָס מיר האָבען פון איהם פריהער ניט געוואוסט, מיר וו־ד־ן פערשפּאָרט די ארבייט צו מאַכען שליטענס. דאָ אידעע איז אזוי איינפאַך אזוי לייכט אויסצופיהרען, אז עס וואונדערט מיך, וואָס קיינעם פון אונז אַ אהער ניט געקומען אין קאָפּ דיעזער איינפאַל.

— אַלזאָ, צו דער ארבייט ? האָט גראף טימאשאָוו קאָמאַנדירט.

ער האָט זיך געווענדעט צו אינזשעניר טינעלעוו און האָט געזאָגט צו א[illegible].

— אזוי וויא איהר האָט אויפגעגעבען דיעזען פּלאַן, דאַרפט איהר איהם אויך אויספיהרען. נעהמט אַלזאָ דאָס גרעסטע באָאָט פון דער „דאָברינאַ" און מאַכט עס פערטיג אויף די רייזע.

— אין איינינע שטונדען ווען אַלעס פערטיג זיין, האָט טינעלעוו גע־ענטפערט.

און ער האָט אויך געהאַלטען וואָרט. אין איינינע שטונדען האָט ער ארויפ־געשטעלט דאָס באָאָט אויף רעלסען, האָט אריינגעשטעלט אין איהם א שטאַר־קען זיגעל־בוים און האָט בעפעסטיגט אָן איהם אַלע זעגעל פון דעם „געאָרגאָס."

קוים איז דאָס אייז שיף פערטיג געוואָרען, האָט מען עס אנגעהויבען אנצו־לאָדען מיט קליידער און מיט לעבענס מיטעל פון דער „דאָברינאַ."

יעצט אָבער האָט זיך אָנגעהויבען א פראַגע ווער עס זאָל פאהרען נאָך פּאָרמענטערא זוכען דעם אסטראָנאָם. קאַפּיטאַן סערוואַדאַק האָט בעהויפּטעט אז אזוי וויא דער אסטראָנאָם איז זיין לאַנדסמאַן, מוז ער פאהרען איהם רעטען גראף טימאשאָוו האָט אויך געוואָלט פאהרען, שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ האָט גע־מוזט פאהרען, ווייל אזאַ סאָרט אייז שיף דאַרף מען קענען פיהרען און רעגירען, און נור א שיפסקאַפּיטאַן ווייס וויא אזוי צו רעגירען די זעגעל פון א שיף. אויסער דעם קען ער דעם וועג בעסער פון יעדען אנדערן.

אין באָאָט האָבען צוואַר געקענט אריינגעהן 6 מענשען אָבער וואָס לייכטער דאָס באָאָט איז, אַלץ שנעלער פאָהרט עס, אַלץ לייכטער ווערט עס געטריעבען פון ווינט.

מען האָט זיך א לענגערע צייט איבערלעגט און זיך בעראַטהען, און עס איז ענדליך געבליעבען, אז נור קאַפּיטאַן סערוואַדאַק און פּראָקאָפּ, נור זייא ביידע זאָלען פאהרען.

4טעס קאפיטעל.

דער געהיימניספאלער אסטראָנאָם.

דעם אנדערן טאָג גאנץ פריה האבען זיך דיא צווייא מענער, סערוואדאק, און פּראָקאָפּ, אויפגעזעצט אויף דעם אייז שיף און דיא רייזע האָט זיך אָנגעהויבען.

דאָס וועטער איז געווען שעהן, אָבער זעהר קאַלט. דאָס טהערמאָמעטער האָט געוויעזען 20 גראד קעלט אָדער 20 גראד אונטער נול אויף דעם 100 גרעדיגען טהערמאָמעטער אדער אויף צעלזאס טהערמאָמעטער. עס האָט געוועהט א לייכטער ווינט, וועלכער האָט אבער באלד אויסגעצויגען אלע זעגעל און האָט זייא אָנגעבלאָזען.

אלע אנוואינער פון דיעזער גאנץ אונבעקאנטער געגענד האָבען זיך פערזאמעלט ארום דעם אייז שיף אום צו נעהמען אבשיעד פון דיא צווייא מענער, וועלכע האבען זיך אונטערגענומען צו מאכען א לאנגע רייזע. דיא רוסען האָבען געקושט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ און האָבען געוויינט. דיא שפּאניער האָבען געבעטען גאָטט, אז דיא רייזע זאָל זיין א גליקליכע. בן זוף האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען, ער איז ארויפגעשפּרונגען קאפּיטאן סערוואדאק אויף'ן האלז און האָט איהם ארומגענומען, וויא א געטרייע מוטער נעהמט ארום איהר קינד, וועלכעס פאָהרט אוועק אין א ווייטען וועג.

ענדליך האָבען אלע אבשיעד גענומען פון דיא צווייא רייזענדע. אינזשעניר טינעלעוו האָט אָפּגעבונדען דאס אייז שיף פון איהר דאק און האָט זיא געלאָזען לויפען.

דיא צווייא גרויסע און שטארקע זעגעל האבען זיך צו לאָזען, וויא דיא פליגעל פון א גרויסען פויגעל, און האָבען מיט געשלעפּט דאָס באָאָט. אין א קורצער צייט איז דיעזעס זאָנדערבארע אייז שיף פערשוואונדען געוואָרען אין לייבטען נעבעל.

ערשט יעצט אָבער האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק אָנגעהויבען צו פיהלען, וואָס עס הייסט פאָהרען אויף איין אייז שיף.

ווער עס איז א מאָל געפאָהרען אום זומער, אין א גאַנץ הייסען טאָג, אין אַן אָפענעם אייזענבאהן וואַגאָן, אָדער אין אַן אָפענער טראַלל קאַר, דער האָט געוויס בעמערקט, אז אין דער צייט, ווען אין דרויסען ברענט דיא היץ וויא פייער, איז עס אין דעם וואַגאָן גאַנץ קיהל און זאָגאר קאַלט, זאָלאַנג ער לויפט שנעל, און וואָס שנעללער דער וואַגאָן לויפט, אלץ קיהלער איז עס אין איהם. דאס זעלבע בעמערקט מען אויף א שנעל דאמפּפער אין א הייסען זומער טאָג. אין דער קאַיוטע איז עס אזוי הייס, אז מען ווערט דערשטיקט, קוים געהט מען ארויס אויפ'ן דעק, פיהלט מען, אז עס איז גאַנץ קיהל, זאָגאר קאַלט.

דיא אורזאַכע דערפון איז, וואָס ארום אונזער קערפּער געפינט זיך שטענדיג א מאַנטעל פון וואַרעמע לופט. ווען מיר שטעהן אויף איין אָרט, בלייבט דיא וואַרעמע לופט ארום אונז און דיא וואַרעמע לופט פון דרויסען קומט נאָך צו און מאַכט אונז נאָך הייסער; קוים אָבער לויפט דער וואַגאָן שנעל, קומט צו צו אונז אלע מאָל א פרישע, נאָך ניט שטאַרק דערהיצטע לופט, און קיהלט אונז אָפּ; דיעזעלבע שנעלע בעוועגונג פון דעם וואַגאָן שלעפּט אוועק פון אונז דעם מאַנטעל וואַרעמע לופט, וועלכער רינגעלט אונז ארום.

יעצט שטעלט אייך פאָר, אז מען פאָהרט זעהר שנעל, אין א סעקונדע פון צוואַנציג גראַד, מיט יעדער בעוועגונג פון דעם אייז שיף ווערט פון דעם מענשען אוועקגענומען דיא וואַרעמקייט ארום זיין קערפּער און עס ווערט געבראַכט א פרישע וועלכע (כוואַליע) פון גאַנץ קאַלטער לופט, איהר ווערט דאן פערשטעהן וויא קאַלט עס קען ווערן.

שיפּסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ, אלס עכטער רוסע, וועלכער האָט שוין ניט איין מאָל געררייזט אויף דעם אייזמעער, האָט גוט געוואוסט דערפון, און האָט זיך גוט ארומגעוויקעלט דאָס געזיכט, אז מען האָט קוים געקענט ארויסזעהן זיינע אויגען. קאַפּיטאַן סערוואדאק האָט זיך צוואר אויך אָנגעטאָהן גאַנץ וואַרם און האָט זיך אויך פערוויקעלט דאָס געזיכט, אָבער זאָלאַנג דאס אייזשיף איז געשטאַנען

ן, האָט ער ניט געפיהלט דיא קעלט און האָט זיך זאָגאר גע־

ר וואָס פּראָקאָפּ פערוויקעלט זיך אזוי; ווען דאָס אייזשיף האָט

ען צו גליטשען זיך זעהר שנעל, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק אָנגע־

ען, אז שאַרפע נאָדלען שניידען, שטעכען און רייסען זיין געזיכט.

ער האט געמוזט זיך אראפביינגען צו דיא ווענט פון באָאט אום זיך צו שיצען פון דער שרעקליכער קעלט.

— פערהילט אייער געזיכט, מיט וואס איהר קענט, האט שיפסקאפיטאן פראָקאָפּ געשריען צו איהם, — איהר קענט נאָך אָפּפריערן דיא נאָז.

דער קורצער טאָג איז באלד פערגאנגען און עס האט זיך אָנגעהויבען דיא לאנגע נאכט, און זאָנדערבאר! עס האָט זיך געוויזען דיא לבנה, אָדער א לבנה וועלכע האט צוואר ניט גאנץ העל בעלייכטעט דאָס גאנצע פערפראָרענע מעער.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? האָט קאפּיטאן סערוואדאס געפרעגט, זייט איינינע מאָנאטע האָבען מיר קיין לבנה ניט געזעהן און פּלוצלונג האָט זיא זיך ווידער געוויזען. וואס זאָל דאָס הייסען?

— פאר געוויס ווייס איך עס ניט, האט שיפסקאפיטאן פראָקאָפּ געענטפערט, איך דענק אָבער, אז אונזער נאללִיא האָט זיך געפאנגען א לבנה, געחאפּט א בעגלייטער.

— וואָס רעדט איהר? פון וואנען ווייסט איהר עס?

— האָט איהר גוט דורכגעלעזען דעם בריעף, וועלכען אונזער אסטראָנאָם האָט אונז צוגעשיקט דורך זיין טויב? האָט פראָקאָפּ געפרעגט.

— געוויס האָב איך איהם געלעזען, איז געווען דיא אנטוואָרט.

— דאַן דארפט איהר דאָך געדענקען, אז אויף דער פירטער צייכע שטעהט: „געפאנגען דיא נערינא.“

— דאָס האָב איך געלעזען, איך האָב עס אָבער ניט פערשטאנען.

— ווארום האָט איהר ניט געפרעגט?

— איך האָב קיין צייט געהאט צו פרעגען.

— דאַן וועל איך עס אייך ערקלערן, וויא ווייט איך פערשטעה עס, האָט שיפסקאפיטאן פראָקאָפּ געזאָגט. עס איז זעהר מעגליך, אז או־זער אסטראָנאָם האָט עס ניט אזוי געמיינט, דאָס וועלען מיר פיעלייכט באלד געוואָהר ווערן, ווייל אָבער וועל איך אייך ערקלערן, וואס איך פערשטעה. אונזער גאללִי[illegible] זעהר שנעל, זיא דערווייטערט זיך פון דער זון, זא געהט אלזא ניט קי[illegible] ארום דיא זון זאנדערן א לאנגען קרייז — אן עליפּסעס, וויא עס הייס[illegible] דער וויסענשאפטליכער שפראכע. אויפ'ן וועג האט דיא גאללִיא געטר[illegible] גאנץ קליינעם שטערן, וועלכער הייסט „נערינא,“ און אזוי וויא דיא גא[illegible] פיעל גרעסער פון דער „נערינא,“ האט דיא אנציעהונגס קראפט, דער כח

דער גאלליא צו געצויגען דיא נערינא צו זיך און דיא נערינא דיענט י
לבנה פאר דיא גאלליא, וויא דיא געוועהנליכע לבנה דרעהט זיך א
ערד.

— קען דאס אבער פאָרקומען אויף דער וועלט? האט קאפיטאן סער...
געפרעגט.

— דיא געלערנטע קעפלער, קאפערניקוס און נאטאן האבען שוין לאנג
עזען, אז דיא שטערן אין הימעל זיינען א גוט איינגעאָרדענטער, ריכטיג
... טגעפיהרטער מעכאניזמוס. זייא בעוועגען זיך און דרעהן זיך, וויא דיא רעדער
פון א גוט געמאכטער אוהר. אלעס איז בערעכענט, אלעס איז אויסגערעכענט,
אלעס איז איינגעאָרדענט, אויסגעארבייטעט און אנגעצויגען אין דער בעסטער
ארדנונג.

— אָבער דאָך......?

— עס איז א רעגעל אין דער נאטור, אז ווען א גרעסערער קערפער בע־
געגענט אויף זיין וועג א קלייגערן, שלעפט ער איהם מיט זיך און צווינגט איהם
צו געהן מיט איהם צוזאמען, צו בעוועגען זיך מיט איהם, צו דרעהן זיך מיט איהם.
שטעלט אייך פאָר א גרויסען ראָד פון א שטארקער מאשין: ווען א מענש, א
טהיער, א פויגעל, זאָל צו קומען צו דיזען גרויסען ראָד אזוי נאָהענט, אז דאָס
ראָד זאָל איהם אָנהאפען, דאָס ראָד וועט איהם דאן ערגרייפען מיט זיין גרויסער
קראפט און וועט איהם דרעהען, און וועט איהם שלעפען, און וועט איהם ארומ־
פיהרען מיט זיך. — דאס זעלבע האָט פאסירט מיט אונזער ערד, ווען זיא האט
בעגעגענט דעם קערפער, וועלכעם מיר רופען מאָנד — לבנה, דאס זעלבע האט
פאסירט מיט דעם שטערן יופיטער, וועלכער האָט ארום זיך פיער לבנה'ס, אָדער
מאָנדען, דאסזעלבע האָט פאסירט מיט דעם שטערן סאטורן, וועלכער האָט
זיך זעקס לבנה'ס; דאסזעלבע האט פאסירט מיט פיעלע אנדערע שטערן,
האבען ארום זיך 2—3 און מעהרערע לבנה'ס, און דאסזעלבע האט פאסירט
ונזער גאלליא.

קאפיטאן סערוואדאק האָט זיך פערטראכט. זאָלאנג ער האט געדיענט אלס
ס אָפיציער פון פראנקרייך און איז שטענדיג געווע בעשעפטיגט מיט דיא
טען פון זיין דיענסט, האָט ער ווייניג געטראכט איבער דעם הימעל, דיא
, דיא זון, דיא לבנה און דעם זאָנדערבארען מעכאניזמוס, וועלכער בעוועגט
עצט אָבער, ווען ער האט ניט געהאט וואָס צו טאָהן, און יעדען טאג

זיך איהם פאָרגעשטעלט נייע רעטעניסע פון דיעזען מעכאניזמוס, האָט פערטראכט און האָט אָנגעהויבען גאנץ ערנסט צו דענקען איבער דיעזע

…

אונטערדעסען איז דאָס אייזשיף געפלויגען מיט אַן אונגעוועהנליכער שנעלי־קייט. שיפסקאפּיטאַן פּראָקאָפּ פלעגט פון צייט צו צייט נעהמען זיין שטארקען נאכט טעלעסקאָפּ און קוקען און זוכען דיא אינזעל פּאָרמענטערא.

גאנץ פריה, ווען דיא זון האָט זיך געוויעזען און האָט גאנץ דונקעל בעלייכ־טעט דאָס גרויסע אייז־מעער, האָט פּראָקאָפּ אקוק געטאָהן דורך זיין טעלעסקאָפּ און האָט אויסגערופען:

— אָט איז עס! איך זעה א הויכען שטאנג, פון וועלכען עס הענגט אראָפּ א שטיק טוך, פּיעלייכט איז עס א פאָהן.

סערוואדאק איז אויפגעשפּרונגען, וויא אַן אָפּגעבריהטער, און האָט געקוקט אין דיא זייט, וואו פּראָקאָפּ האט איהם געוויעזען.

— איך זעה עס! האָט ער אויסגערופען, איך זעה זאָגאר דיא שווארצע שטיינער פון דער אינזעל פּאָרמענטערא, וויא זייא שטעקען הערויס העכער פון דעם אייז.

שיפסקאפּיטאַן פּראָקאָפּ האָט אָנגעהויבען איינצוציהען דיא זעגעל און דאס איי־־באָט האט אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער.

עס איז אָבער נאָך געווען גענוג ווייט צו דער אינזעל און ערשט גענגען מיטאָג זיינען זייא צו געקומען צו דער אינזעל פּאָרמענטערא. דאס באָט איז געבליעבען שטעהן און זייא זיינען ארויפגעגאנגען אויף דיא אינזעל אין דעם אָרט וואו עס איז געשטאנען דער הויכער שטאָנג מיט דער פאָהן.

— עס איז דיא פאָהן פון ־־אנקרייך! האָט סערוואדאק אויסגערופען. — ליידער, איז זיא אזוי צוריי ־ ־ ־ ־ ־ ־ זם ווינט, אז מען קען קוים דערקענען איהרע פארבען: בלוי, ווייר ־ ־ ־

ניט ־ ־ ־ ־ ־ ־ אנג איז געשטאנען א ארימעס שטיבעלע, צונויפגע־ שלאָ ־ ־ ־ ־ ־ ־ ען בעדעקט מיט ערד.

־ז עס! האָט שיפסקאפּיטאַן פּראָקאָפּ אויסגערופען, דא וואינט ער!

־יא זיינען האסטיג צו געקומען צום שטיבעלע. — דיא טהיר איז געווען פערמאכט און פערריגעלט פון אינעווייניג.

— לאָמיר זיא אויסברעכען! האָט דער אונגעדולדיגער קאַפּיטאַן סעו דאַק אויסגערופען.

— לאָמיר פריהער אָנקלאַפּען און ווען מען וועט אונז נים עפענען, וועלען מיר אויסברעכען דיא טהיר.

זיי האָבען אנגעקלאַפּט אן דער טהיר, קיינער האט נים געענטפערט. דאן האָבען ביידע מענער זיך אנגעשפּארט מיט זייערע פּלייצעס מיט זייער גאנצער קראַפט און אין א מינוט האָבען זייא ארויסגעהויבען דיא טהיר פון איהרע אנג־לען זייא זיינען אריינגעקו.ן אין א פינסטערע שט.

— מיר מוזען מאכען פייער, האָט שיפסקאַפּיטאַן פּראָק נעזאגט, צום ג.יק, האב איך בייא מיר פייערגעצייג און א ליכט.

ער האָט באַלד אויסגעשלאָגען פייער און האָט א.געצ. ליכט. ערשט יעצט האָבען זייא דערזעהן, אז דאָס שטיבעלע בעשטעהט פון צוויא צימער א גרעסערעס און א קלייגערעס. דאָס גרעסערע איז געווען לעדיג. עס איז אין איהם געשטאַנען א גרויסער טיש, אויף וועלכען עס זיינען געליגען ביכער און אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען. אין א ווינקעל איז געווען אן א.יינ־פּאַבעד אויווען, אין וועלכען עס האט זיך געפונען א ביסעל אש און עטליכע קאַ.טע קוילען.

אין קלענערן צימער איז געשטאַנען א בעט און אויף איהם איז געליגע מענשליכע געשטאַלט. ביידע מענער זיינען צוגעלאָפען צום בעט און האבינן טראַכט דעם מענשען, וועלכער איז דאָרט געליגען.

— ער איז טויט, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאַק געזיפצט, — ער איז געש בען פון הונגער און קעלט.

שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ אָבער האָט זיך אנגעבויגען איבער דעם טויטע האָט זיך צוגעריהרט צו איהם.

— ער לעבט נאָך! האָט ער אויסגערופען פול פרייד, — זיין ד שלאָגט נאָך!

ער האט ארויסגענומען פון גארטעל א פלעשעלע שטאַרקען שנאַפּס האָט מיט געוואלט אריינגעגאָסען עטליכע טראָפּען דעם האלב טויטען אין נ קוים האָט דער אונגליקליכער אראָפּגעשלינגען דיא עטליכע טראָפען בראנט האָט ער גאנץ לייכט א ציטער געטאָהן און זיינע ליפּען האָבען אָנגעהויבען צו בעוועגען.

קאפּיטאַן סערוואדאק האָט אנגעהויבען צו הויבען און צו וואַרעמען זיינע הענד און פּראָקאָפּ האָט איהם אריינגעגאָסען אין מויל נאָך עטליכע טראָפּען בראנטווין.

— גאלליא? האָט דער אונגליקליכער מאן קוים, קוים ארויסגעזאָגט.

— יאָ גאלליא! האָט סערוואדאק אויסגערופען, מיר זיינען אויף דער גאלליא!

דאָס האָט געווירקט, וויא א צויבער. קוים האָט דער אונגליקליכער דער הערט דיא שטימע פון מענשען, האָט ער אויסגערופען:

— ־ָס איז דיא גאלליא! דאס איז מיין קאָמעט! ער איז מיינער!

דאָס איז אָבער געווען צו פיעל פאר זיינע שוואכע קראפט. ער איז באלד געפאלען אין אָהנמאכט און איז געבליעבען ליעגען, וויא א טויטער.

— מיר מוזען מאכען פייער און איהם דערוואַרמען, איהם אָפּמונטערן, האָט סערוואדאק געזאָגט.

— איך דענק, אז עס וואָלט גלייכער געווען, מיר זאָלען מאכען פאר איהם א ווייכעס געלעגער אין באָאָט, זאָלען איהם דאָרט אניעדערלעגען, גוט צודעקען, גוט בעשיצען פון דער קעלט און צוריק פאהרען צו אונזערע פריינד; דאָרט, אין ...רעמען וואולקאן, וועט ער שנעלער קענען קומען צו זיך.

זייא האָבען זיך בעראטהען איינגע מינוט און האָבען געפונען, אז דאָס איז ...ר בעסטער ראטה.

זייא האָבען שנעל צונויפגענומען אללע אינסטרומענטען און אלע פּאַפּיערן, ...לכע האָבען זיך געפונען אין ביידע צימער, און האָבען זייא אראָפּגעטראָגען ... באָאָט. דאָרט האָבען זייא געמאכט א ווייכעס און וואַרעמעס געלעגער ...ר דעם האלב טויטען אסטראָנאָם. דאן זיינען זייא צוריק געקומען מיט ...לענע דעקען, האָבען איהם איינגעוויקעלט און האָבען איהם אראָפּ געטראָגען ... באָאָט.

— יעצט שנעל א היים, צו אונזער וואולקאן! האָט אויסגערופען העקטאר ...רוואדאק.

שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ האָט יעצט צורעכט געמאכט דיא זעגעל, האָט ...סגעדרעהט דאָס באָאָט אונד האָט אויסגענוצט יעדעס ביסעלע ווינד אום ...יק צו קומען צום וואולקאן. פון צייט צו צייט, ווען ער איז ניט געווען בער...ּטיגט מיט דיא זעגעל, פלעגט ער אקוק טאָהן צום קראנקען.

נקלבער קראנקער איז געלעגען בעוואוסטלאָז. ווען מען זאָל געווען קענען מאכען א פייער אויף דעם באָאָט אונד אָפּקאָכען א ווארעמע זופּע, וואָלט מען פיעלייכט שנעלער געקענט אויפמונטערן דעם אלטען, קראנקען מאן; דאָס איז אָבער געווען אונמעגליך, און דאס איינציגע, וואָס פראָקאָפּ האָט געקענט טאָהן פאר איהם, איז געווען פון צייט צו צייט אריינצוגיעסען איהם אין מויל עטליכע טראָפּען שטארקען קאָניאק.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, מיט וואָס פאר א פרייד, מיט וואס פאר אן ענטציקען מען האָט זייא אויפגענומען, ווען זייא זיינען ענדליך צוריק געקומען צום וואולקאן און האבען דערצעהלט, וויא זייא האָבען געפונען דעם אונבעקאנטען אסטראָנאָם און וויא ער ליעגט יעצט קראנק און בעוואוסטלאָז אין באָאָט.

— ווען ער איז נור א געלערנטער, וועט ער בלייבען לעבען! האָט בן זוף אויסגערופען, איך קען דיא געלערנטע, זייא האָבען אין זיך ניין מאָל לעבען! וויא א קאץ. איהר קענט אראָפּוואַרפען א קאץ פון א הויכער מויער, איך קען זיך אויס ווייזען, אז זיא איז טויט, לאָזט זיא נור ליעגען איינינע מינוט און איהר וועט זעהן אז זיא לעבט, אז זיא הייבט זיך אויף און אנטלויפט. דיא געלערנטע זיינען אויך אזוי. אייך קען זיך אמאָל אויס ווייזען, אז א געלערנטער איז טויט, לאָזט איהם נור צו רוה איינינע צייט און איהר וועט זעהן, אז ער לעבט. איך האב עס אליין געזעהן אין סודאן. מיר האָבען געטראָפען אין אן אָרט א געלעגטען רייזענדען; וועלבער איז געווען טויט קראנק פון פיעבער — ער האָט געוואָלט דערצעהלען א גאנצע געשיכטע פון א געלערנטען, אָבער קאפּיטאן סערוואדאק האָט איהם אונטערבראָכען און האָט געזאָגט:

— מיר וועלען שפּעטער אויסהערן דיין געשיכטע, יעצט געה און מאך א געלענער פאר אונזער געלערנטען לאנדסמאן.

בן זוף האָט איהם געפאָלגט און באלד האָט מען אריינגעטראָגען דעם קראנקען געלערנטען אין הייל פון דעם וואולקאן.

יעצט האט מען שוין געהאט אלע מעגליכע מיטעל איהם צו בעלעבען, איהם אויפצומונטערן, אָדער „אָפּצומונטערן,“ וויא מען זאָגט עס אויף אידיש. מען האָט אָפּגעקאָכט א שטארקע פלייש זופּע און גראף טימאשאָוו האָט מיט שוועריער מיה איהם אריינגעגאָסען אין מויל א טהעע לעפעל פון דיעזער ווארעמער זופּע.

פראקטי־
צירען, ער איז געווען צו רייך, צו פארנעהם און צו שטאָלץ אום צו פראקטיצירען ריעזע וויסענשאפט, וועלכע איז דער לעצטער צייט געוואָרען נור א ברויט וויסענ־ שאפט, א וויסענשאפט, דורך וועלכע מען קען פערדיענען ברויט, „מאכען א לעבען,“ וויא מען זאָגט אין אמעריקא.

יעצט אָבער, בייא דיעזער זאָנדערבאר געלעגענהייט, האָט גראף טימא־ שאָוו אויסגעקראצט פון זיין געדעכטניס קאמער, פון קעמעריל פון זיין זיכּרון, אלעס, וואס ער האָט געלערנט, וויא אזוי צו בעהאנדלען אזא פאל.

ליידער, האָט זיך עס ארויסגעוויעזען, אז דער אונבעקאנטער געלערנטער איז גאנץ ערנסט קראנק. ער איז געליעגען בעוואוסטלאָז און נור פון צייט צו צייט פלעגט ער מורמלען:

— מיין קאָמעט! עס איז מיין קאָמעט.

גראף טימאשאָוו האָט געהייסען, אז מען זאָל דעם גאנצען קערפּער פון דעם אונגליקליכען קראנקען רייבען מיט ווארעמען ספּירטוס. בן זוף האָט עס געטאָהן מיט פערגניגען אונד האָט אזוי שטארק איינגעריעבען דעם קראנקען, אז ער, דער קראנקער, האָט א געשריי געטאָהן פאר שמערץ:

— וואָס ווילט איהר? עס איז מיין קאָמעט.

זייט קאפּיטאן סערוואדאק האָט צום ערשטען מאָל געזעהן דעם אונגליכען קראנקען, האָט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז ער קען איהם, אז ער וויים, ווער ער איז, אז ער, סערוואדאק, איז א מאָל געווען בעקאנט מיט איהם.

סערוואדאק פלעגט דאהער קומען זעהר אָפט קוקען אויף דעם קראנקען, איהם בעטראכטען און זיך ברעכען דעם קאָפּ מיט דער פראגע:

— וואו האָב איך איהם געזעהן?

עס זיינען פערגאנגען פינף טעג, אין וועלכע דער קראנקער האָט געשוועבט צווישען לעבען און טויט. ענדליך האָט דיא וויסענשאפט און דיא קענטניסע פון גראף טימאשאָוו דאָך געזיעגט. דער קראנקער איז געקומען צו זיך. ער האָט גע־ עפענט דיא אויגען, האָט זיך אומגעקוקט, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט, און האָט געפרעגט.

— מיינע ברילען? וואו זיינען מיינ'ז ברילען?

העקטאָר סערוואדאק איז אויפגעשפּרונגען, וויא א וואהנזיניגער, און האָט אָנ געהויבען צו טאנצען פאר פרייד:

ר פּאָלמערין ראָזועט! האָט ער אויסגערופען, — מיין ליעבער אָבער שטרענגער פּראָפעסאָר!

ערשט יעצט האָט זיך סערוואדאק דערמאָנט, אז ווען ער האָט געלערנט אין דער מיליטערישער אקאדעמיע פון סען־סיר, איז דאָרט געווען א זעהר גע־לערנטער פּראָפעסאָר פון מאטהעמאטיק, וועלכער האָט געהייסען פּאלמערין ראָזועט דאָס איז געווען א זעהר שטרענגער, אָבער א זעהר גוטער לעהרער. דיא יונגע קאדעטען, דיא שילער פון דער מיליטערישער אקאדעמיע, האָבען פאר איהם מורא געהאט, ווייל ער פלעגט זיין זעהר שטרענג געגען זייא, אָבער זיי פלעגען איהם ליעב האָבען, ווייל ער פלעגט מיט זייא גרינגדליך לערנען, און ווען פּראָפע־סאָר ראָזועט פלעגט געבען א שילער א גוטע מארקע, איז עס געווען דער בעסטער בעוויז, אז דער שילער פערשטעהט ווירקליך מאטהעמאטיק.

ווען סערוואדאק האָט געענדיגט דיא מיליטערישע אקאדעמיע פון סען־סיר, האָט מען איהם באלד אוועקגעשיקט נאָך אפריקא, און ער האָט אין גאנצען פער־געסען דעם געליעבטען פּראָפעסאָר, נור איין מאָל האָט ער געלעזען אין א ציימונג אז פּראָפעסאָר ראָזועט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אקאדעמיע, ווייל ער וויל ז ך בעשעפטיגען נור מיט אסטראָנאָמיע.

דאס איז געווען אלעס, וואָס קאפּיטאן סערוואדאק האָט געוואוסט פון פּראָפעסאָר ראָזועט. מען קען זיך אלזאָ לייכט פאָרשטעלען, וויא דערפרעהט ער איז געווען, ווען ער האָט דערקענט אין דיעזען אונגליליכען קראנקען זיין בע־ליעבטען פּראָפעסאָר.

— פּראָפעסאָר ראָזועט! ליעבער פּראָפעסאָר! האָט קאפּיטאן סערוואדאק אויסגערופען.

— ווער זייט איהר? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט מיט א שוואכער שטימ

— פּראָפעסאָר, דערקענט איהר מיך ניט?

— ווער זייט איהר דען?

— דערקענט איהר ניט אייער שילער פון דער מיליטערישער אקאדעמיע פון סען־סיר?

— וויא הייסט איהר?

— העקטאָר סערוואדאס.

דער פּראָפעסער האָט געטראכט איינינע מינוט. עס איז געווען דייטליך,

R. L.

ו דער־

סאַנען, ווער עס איז דיעזער העקטאָר סערוואדאַק.

ענדליך האָט ער זיך דאָך דערמאַנט און האָט געזאָגט מיט זיין שוואַכער סוים הערבארער שטימע:

— העקטאָר סערוואדאַק איז א שוואַכער שילער, ער מוז נאָך א מאָל אויסלערנען דעם אייקלידעס. — מאָרגען מוזט דוא, מיר זאָגען דרייסיג שורות פון אייקלידעס.

עס איז געווען דייטליך, אז דער פראָפעסאָר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז ער לערנט מיט דיא שילער פון דער מיליטערישער אקאדעמיע פון סען־סור און האָט אויסגעפונען, אז דער שילער העקטאָר סערוואדאַק קען נאָך ניט גוט זיין לעקציאָן.

דאָס איז שוין אָבער געווען צופיעל פאר דעם אלטען קראנקען מאַן. ער האָט ווידער פערמאַכט דיא אויגען און איז אנטשלאָפען געוואָרען.

— לאָזט איהם שלאָפען שטערט איהם ניט. האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט צו אלע אנוועזענדע. דער שלאָף איז פאר איהם יעצט נאָטהווענדיג, עס קרעפ־טיגט איהם. איך בין יעצט זיכער אז ער וועט לעבען.

— געווים! האָט בן זוף אויסגערופען, דער קאָרפּאָראל זשאַן האָש האָט מיר דערצעהלט, אז אין עגיפּטען גראָבט מען אויס געלערנטע, וועלכע ליעגען שוין טויט זייט טויזענדער יאהרען.

אלע האָבען זיך צו לאַכט.

— דוא מיינסט געווים מומיען, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאַק געזאָגט, זייא לעבען אָבער ניט, זייא זיינען טויט.

— אַזאָ צו וואָס גראָבט מען זייא אויס? האָט בן זוף געפרעגט, צו וואָס דארף מען טויטע געלערנטע.

— דיא מומיען פון עגיפּטען זיינען קיינע געלערנטע, ייא זיינען טויטע קע־ניגע, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאַק ערקלערט.

— אזוי, דאָס זיינען טויטע קעניגע? און צו וואָס דארף מען טויטע קעניגע? האָט דער אונרוהיגער בן זוף געפרעגט.

— דאָס קענסט דוא ניט פערשטעהן, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאַק געענט־פערט בייז.

— לאָמיר בעסער אוועק געהן פון דאנען און לאָזען דעם פּראָפעסאָר שלאָפען, האָט גראף טימאשאָוו געבעטען.

אלע זיינען ארויסגעגאנגען פון דעם קעמעריל, וואו דער קראנקער פּראָפעסאָר איז געשלאָפען.

ווען זייא זיינען ארויסגעקומען אין דרויסען, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט:

— איך בין יעצט פעסט איבערצייגט, אז פּראָפעסאָר ראָזעט פלעגט עס אונז שיקען דיא נאכריכטען מיט דער פלאשען פּאָסט און מיט דער טויבען פּאָסט. איך בין זיכער, אז ווען ער וועט ווערן פּאָלקאָמען געזונד, וועט ער אונז ערקלערן אלעס, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אונז זייט דעם 31טען דעצעמבער ביז היינט.

— איהר האָט פּאָלקאָמען רעכט, גראף, האָט העקטאָר סערוואדאק אויסגערופען, איך דערמאָן מיך יעצט זעהר גוט, ווער פּראָפעסאָר ראָזעט איז. מען פלעגט איהם האלטען פאר א שטיקעל משוגענעם, אין דער וואהרהייט אָבער איז ער געווען א גרויסער געלערנטער און א הערצענס גוטער מענש. ער פלעגט ליעב האָבען דיא שילער וויא זיינע איינענע קינדער — אויב ער האָט קינדער — און פלעגט פון זייא נור פערלאנגען, זייא זאָלען קענען זיין וויסענשאפט — דיא מאטהעמאטיק.

— איך דענק, אז עס וואָלט ניט געשאדעט, מיר זאָלען דער וויל איבערקוקען זיינע שריפטען און זיינע פאפּיערן, האט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ בעמערקט.

— דורכקוקען מעגט איהר זייא, אָבער ענדערט קיין וואָרט, קיין פּונקט, זאָנסט וועט דער פּראָפעסאָר בייז ווערן און וועט אייך שיקען אין קארצער, האָט סערוואדאק געלאכט.

זייא האָבען גענומען דיא שריפטען און פּאפּיערן, וועלכע זייא האָבען ארויסגענומען פון דעם שטיבעלע אויף דער אינזעל פאָרמענטערא, און האָבען זייא בעטראכט איינציג וויס.

דיא פּאפּיערן זיינען געווען בעשריעבען מיט ציפערן. עס איז געווען א גאנץ דייטליכע, אָבער א גאנץ קליינע שריפט. מען האָט דייטליך געזעהן, אז דאָס האָט געשריעבען א געלערנטער, ווייל קיינער האָט ניט פערשטאנען, וואס דיעזע ציפערן בעדייטען.

דיא שריפטען זיינען געווען בעדעקט מיט צייכנונגען: רעדעלעך, קוגעלן,

ליניען, עליפטישע פיגורן, האלב קײַלעכדיג, גאנץ קײַלעכדיג, לענגליך קײַלעכדיג און אנדערע פיגורען.

— עס איז דײַטליך, אַז דער פּראָפעסער האָט גערעכענט, האָט שיפסקאַפּיטאַן פּראָקאָפּ געזאָגט, וויא צו זיך אליין, — אז דער פּראָפעסאָר האט זיך צו־געקוקט און אויסגערעכענט יעדע בעוועגונג, יעדען שריט, וועלכען דיא גאַלליאַ האָט געמאכט.

— פאר וואָס זאָגט ער אבער אלע מאָל: „מיין קאָמעט"? איז דיא גאלליא א קאָמעט? געפונען מיר זיך אויף א קאָמעט, ניט אויף א שטערן? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט.

— מיינע העררען, צו וואָס זאָלען מיר זיך יעצט ברעכען דיא קעפּ איבער פראגען, וועלכע מען וועט אונז באלד ערקלערן? איך בין זיכער, אז קוים וועט פּראָפעסאָר ראָזעט געזונד ווערן, וועט ער אונז אלעם ערקלערן אזוי קלאר און דײַטליך, וויא ער פלעגט אונז אמאָל ערקלערן דיא שווערסטע מאטהעמאטישע אויפגאבען אין דער מיליטערישער אקאדעמיע פון סען־סיר.

— דאס איז שוין ריכטיג, האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געענטפערט, און פון דעסט וועגען ווילט זיך אונז דערראטהען, וואו מיר זיינען ערגעץ אין דיעזער גרויסער וועלט. זאָ לאנג מען איז אויף דער ערד, דענקט מען אז קיין גרעסערעס און פעסטערעס איז שוין גאָר נישטאָ.

דער מענש איז דאן וויא א וואָרם, וועלכער איז אויסגעוואקסען אין א גרויסען קעז, און עס איז איהם א מאָל איינגעפאלען דער געדאנק, ער זאָל מאַ־כען א רייזע ארום דעם קעז. ווען ער האָט געמאכט דיעזע רייזע, איז ער שטאלץ און מעלדעט אלעמען: „דער קעז איז קײַלעכדיג." שטעלט אייך אָבער פאָר, וויא איבערראשט ער וואלט געוועזען, ווען ער וואלט אויסגעפונען, אז אויסער דעם קײַלעכדיגען קעז, אין וועלכען ער איז געבאָרען געווארען, געפינען זיך נאָך פיעלע אנדערע קײַלעכדיגע קעזען אין דעם קעללער.

וואָס איז דען דער מענש? אן אָרימער וואָרים, וועלכער האָט קוים, קוים אויסגעפונען, אז אויסער דעם קעז, אין וועלכען ער איז געבאָרען געוואָרען און אויפגעוואקסען, געפונען זיך נאָך פיעלע אנדערע, גרעסערע און קלײַנערע סייזען און דעמזועלבען סעללער.

ערשט נאָר אין דער לעצטער צייט האָבען דיא מענשען זיך איבערצייגט, אז דיא ערד איז נור א גאנץ קלײַנער קעז, א גאנץ קלײַנע קוגעל, אין דער

גרויסער וועלט, וואו טויזענדע, צעהנדליג טויזענדע אנדערע וועלטען דרעהן זיך, בעוועגען זיך, און לעבען גלייך וויא דיא ערד.

מיר זיינען פיעלייכט דיא איינציגע מענשען וועלבע א צופאל האט פערוואָרפען אויף אנאנדערע וועלט. מיר וויסען יעצט ניט, וואו מיר געפינען זיך, דער קראנקער געלערנטער אָבער וויים עס גאנץ גוט, גאנץ גענוי.

— דאָס איז דאָך מיר אינטערעסאנט צו וויסען! האָט גראף טימאשאָוו אויסגערופען, איך וויל וויסען, אויב דער געלערנטער אסטראָנאָם האָט פריהער געוואוסט, אז ער וועט פערוואָרפען ווערן אויף אנאנדערן שטערן און איז אבזיכטליך געפאהרען אויף דיא אינזעל פאָרמענטערא אום דאָרט צו געהן און אויסצושטודירען דיא נייע וועלטען, אָדער עס איז אלעס געווען א צופאל.

— איך האָב אייך שוין איין מאָל ערקלערט, אז פּראָפעסאָר ראָזעט איז א שטיק משוגענער, האָט סערוואדאק געזאָגט.

— מיר דאכט, אז אלע געלערנטע זיינען גאנצע אָדער האלבע משוגעים, האָט איהם בן זוף אונטערבראָכען, ווען מיין רעגימענט איז געשטאנען אין סענעגאל, איז געקומען צו אונז אן אמעריקאנער געלערנטער, וועלכער פלעגט ארומגעהן א גאנצען טאָג אין דיא וועלדער און חאפּען פליעגען......

קאפּיטאן סערוואדאק האָט געוואָרפען אויף איהם א שטרענגען בליק, וועלכער האָט איהם געזאָגט גאנץ דייטליך: „דוא פערגעסט, אז איך בין דיין קאפּיטאן.“

בן זוף האָט געשוויעגען און קאפּיטאן סערוואדאק האָט ווייטער געזאָגט:

— פּראָפעסאָר ראָזעט איז אן עכטער געלערנטער, ער לעבט נור פאר זיין וויסענשאפט און איז שטענדיג בערייט זיך צו אָפּפערן פאר זיין וויסענשאפט. איך בין פעסט איבערצייגט, אז ער האָט אלעס פריהער אויסגערעכענט און האָט געוואוסט, אז אין דער נאכט פון 30טען אויפ'ן 31טען דעצעמבער וועט פּאָרקומען עפּעס אונגעוועהנליכעס אין דער געגענד, וואו עס געפינט זיך דיא אינזעל פאָרמענטערא, און דארום איז ער אבזיכטליך געפאהרען אהין און האָט אלעס צוגעזעהן מיט דיא אויגען.

— דאס איז אלעס מעגליך, האָט גראף טימאשאָוו בעמערקט, וויא קומט עס אָבער, וואס פּראָפעסאָר ראָזעט רעדט אלץ פון א קאָמעט און דערמאָנט ניט דעם שטערן גאליא, אויף וועלכען מיר געפינען זיך?

— מיר האָבען נאָך פיעלע רעטענישען צו ערקלערן, פיעלע זאכען צו פערשטעהן; האָט שיפסקאפיטאן פראָקאָפ געענטפערט. וויא באלד אז עס געהט דעם פראָפעסאָר בעסער, קענען מיר אָפוואַרטען, ביז ער וועט אין גאנצען געזונד ווערען און ער וועט אונז אלעס ערקלערן.

דער מיט האָט זיך געענדיגט דער קורצער מיטינג אויף דער גאלליא, יעדער איז זיך געגאנגען צו זיין בעשעפטיגונג.

דיא איבעריגע איינוואוינער פון דער גאלליא האבען זיך זעהר ווענינ אינטערעסירט מיט דעם פראָפעסאָר און אויב ער וועט לעבען אָדער שטארבען. זייא האָבען זאָגאר ניט פערשטאנען, אז זייא זיינען ניט מעהר אויף דער ערד זאָנדערן אויף א גאנץ נייע וועלט.

ווען עס איז נאכט געוואָרען און אלע זיינען געגאנגען שלאָפען, האָט סערוואדאק געהייסען בן זוף, ער זאָל בלייבען לעבען קראנקען פראָפעסאָר און זאָל אויף איהם אכטונג געבען. ווען דער קראנקער וועט זיך אויפכאפען, זאָל ער איהם גיבען עטליכע לעפעל ווארעמער זופ. אין פאל דער פראָפעסאָר וועט עפעס רעדען אָדער עפעס זאָגען, זאָל בן זוף עס זיך פערצייכנען.

בן זוף איז געווען א גוטער קראנקען וועכטער. יעדער סאָלדאט, וועלכער דיענט אין ווייטע לענדער און צווישען ווילדע פעלקער, ווערט מיט דער צייט א גוטער קראנקען וועכטער, וועיל עס קומט פאָר זעהר אָפט, אז מען דארף אכטונג געבען אויף א קראנקען קאמעראד און דער דאָקטער פון רעגימענט זאָגט אן דיא גוטע פריינד פון דעם קראנקען. וואס זייא זאָלען טאָהן און וויא זיי זאָלען בעהאנדלען דעם קראנקען. אויף דיעזער ארט ווערט יעדער סאָלדאט א גוטער קראנקען וועכטער.

דער פראָפעסאָר איז אָבער געשלאָפען רוהיג און בן זוף האט ניט געהאט וואס צו טאָהן ארום איהם. ער האָט זיך אניעדער געזעצט אויף א שטיין, האט זיך אָנגעשפארט אן דער וואנט און האָט זיך פערטראכט, דאן האט ער אנגעהויבען צו דרעמלען.

פלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז איינער קריעכט צו צו איהם, גנבעט זיך צו צו איהם. ער איז אויפגעשפרונגען און האט דערזעהן ביים שוואכען שיין פון א ליכט, וועלכעס האָט געברענט ניט וויט פון דעם קראנקען, א מענשען געשטאלט.

אין דער הייל פלעגט מען קיינע בעלייכטונג ניצען, וועיל מען האָט געהאט

זעהר וועניג ליכט. און האָבען זיך געפונען אויף דער „דאָברינא“ ניט מעהר וויא צווייא הונדערט סטעארין ליכט, וועלכע גראף טימאשאָוו האָט מיט גענומען פון רוסלאנד, מען האָט אלזאָ געמוזט זיין זעהר שפּארזאם מיט זייא; נור יעצט צו ליעב דעם קראנקען פּראָפעסאָר האָט מען געמאכט אן אויסנאהמע און מען פלעגט לאָזען ברענען א ליכט ניט ווייט פון זיי געלעגער.

— ווער איז דאָרט? האָט בן זוף געפרעגט שטילערהייט.

ער האָט מורא געהאט אויפצואוועקען דעם קראנקען און דארום האט ער גערעדט שטילערהייט.

— איך בין עס, האט א גאנץ אונבעקאנטע שטימע געענטפערט.

— ווער זייט איהר?

— נעאָרגאָס, איז געוועזען דיא אנטוואָרט.

— וואָס ווילט איהר? וואס דארפט איהר דאָ? מען האָט דאָך ביז אהער ניט געזעהן און ניט געהערט פון אייך.

— איך וויל זעהן דעם גענעראל גובערנאטאר, האָט דער אלטער גרעק געענטפערט.

— דער גענעראל גובעדנאטאר, שלאפט יעצט, איהר קענט איהם ניט זעהן.

— דאַן וועקט איהם אויף, האָט דער גרעק געבעטען.

— וואס רעדט איהר, אלטער גרעק? האָט בן זוף אויסגערופען, וויא קען איך מיך אונטערשטעלען אויפצואוועקען דעם גענעראל גובערנאטאר?

— איך וויל איהם אָבער זעהן! איך מוז איהם זעהן, איך דארף איהם עפּעס פרעגען, האָט דער אלטער גרעק געזיפצט.

— איהר מוזטווארטען, ביז ער וועט אויפשטעהן, האָט בן זוף געזאָגט ערנסט און שטרענג, וויא א סאָלדאט קען נור זיין שטרענג.

— דאַן לאָזט מיך ווארטען דאָ, ביז דער גענעראל גובערנאטאר וועט אויפ־שטעהן, האָט דער גרעק געבעטען.

— ווארט וויפיעל דוא ווילסט, האָט בן זוף געברומט.

דער אלטער גרעק האָט זיך אניעדער געזעצט אויף דער ערד אין א ווינ־קעלע און האט געווארט, ער האָט אָבער ניט לאנג געווארט; זייט קאפּיטאן סערוואדאק האט דערקענט זיין אלטען לעהרער, זיין שטרענגען אָבער עהרלי־כען פּראָפעסאָר, האט ער ניט גערוהט. ער האט צוואר געוואוסט, אז ער קען

זיך פערלאָזען אויף בן זוף, פון דעסטוועגען פלעגט ער אליין קומען פון צייט צו צייט זעהן, וואס דער פראָפעסאָר מאכט. ער איז ביי נאכט אויך געקומען.

קוים האָט דער אלטער גרעק איהם דערזעהן, איז ער איהם געפאלען צו די פיס און האָט אָנגעהויבען צו בעטען, דער גענעראל גובערנאטאר זאל איהם אויסהערן.

— וואס ווילט איהר דען פון מיר?

— הערט מיך אוים.

— דאן שטעהט אויף און זאָגט מיר, וואס איהר פערלאנגט, האט קאפּיטאן סערוואדאק געזאָגט שטרענג.

דער אלטער גרעק איז אויפגעשטאנען און האָט געזאָגט:

— גנעדיגער גענעראל גובערנאטאר! איך האָב געזעהן, וויא א באָאָט איז ערגעץ אוועק געפאהרען, איך האב געזעהן, וויא עס איז צוריק געקומען און מען האט ארויסגעטראָגען פון איהם א מענשען. איך וויל זעהן דיזען פרעמדען, וועלבען מען האט געבראכט.

קאפּיטאן סערוואדאק איז נייגיעריג געוואָרען און האט געפרעגט:

— צו וואס דארפסט דוא איהם זעהן?

— איך וויל מיט איהם רעדען.

— וואס ווילסט דוא מיט איהם רעדען?

— איך וויל וויסען וואס עס הערט זיך אין אייראָפּא, בעזאָנדערס אין גריעבענלאנד.

קאפּיטאן סערוואדאק האט בעטראכט דעם זאָנדערבארען מענשען מיט שטוינען און פערוואונדערונג. וואס איז דאָס פאר א מענש? האט ער דען ניט געזעהן, וואס עס איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט? פערשטעהט ער דען ניט אז מיר געפינען זיך ניט מעהר אין אייראָפּא, ניט מעהר אויף דעם שטערן, וועלבע מענשען רופען — ערד?

— גנעדיגער גענעראל גובערנאטאר! ערלויבט מיר צו רעדען עטליכע ווער־טער מיט דעם פרעמדען! האט דער גרעק וויעדערהאלט זיין ביטע.

— ער איז קראנק, ער שלאפט יעצט, האט ענדליך קאפּיטאן סערוואדאק געענטפערט.

— און ווען ער וועט אויפשטעהן וועל איך מעגען מיט איהם רעדען? האט דער אלטער גרעק ווייטער געפרעגט.

— ווען ער וועט אויפשטעהן, — יא, האָט סערוואדאק געענטפערט.

אין דיעזע מינוט האט זיך דער פּראָפעסאָר אויפגעחאפּט און האט אנגע־הויבען צו רופען מיט א שוואכער שטימע:

— יאָזעף! יאָזעף!

בן זוף און קאפּיטאן סערוואדאק זיינען צו געלאָפען צו איהם און קאפּיטאן סערוואדאס האט געפרעגט:

— ווילט איהר עפּעס, העדר פּראָפעסאָר?

— וואו איז מיין העמד, וואו איך האב פריהער געדעכענט? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— איך וויים ניט, האָט קאפּיטאָן סערוואדאק געזאָגט שטילערהיים.

— דוא ביסט ניט יאָזעף? אלזאָ וואו איז יאָזעף?

— יאזעף איז ניטאָ.

— און ווער ביסט דוא?

— איך בין העקטאָר סערוואדאק. געדענקט איהר מיך? — דערקענט איהר מיך הערר פּראָפעסאָר?

— העקטאָר סערוואדאק איז א שלעכטער שילער.

— איך האָב מיך שוין געבעסערט, הערר פּראָפעסאָר, האָט סערוואדאק געזאָגט, פערגעסט ניט, אז עס איז שוין מעהר אלס 12 יאהר, ייט איך האב געלערנט בייא אייך.

— יא, יא, דאס קען זיין, האט דער פּראָפעסאָר געזאָגט לאנגזאם. דאן גיב מיר א טאסע קאפּעע. איך מוז טרינקען קאפּעע איידער איך זעץ מיך ארבייטען.

בן זוף איז אוועקגעלאָפען מאכען קאפּעע, און איידער דער קאפּעע איז פערטיג געוואָרען, האָט ער אויפגעוועקט גראף טימאשעוו און שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ. ער האט זייא דערצעהלט, אז דער פּראָפעסאָר האט זיך אויפגעחאפּט און פערלאנגט קאפּעע.

איינינע מינוטען שפּעטער האט בן זוף געבראכט קאפּעע. דער פּראָפעסאָר האָט פּראָבירט אויפשטעהן, ער איז אָבער נאָך געווען צו שוואך. בן זוף און קאפּיטאן סערוואדאק האָבען איהם אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער און האבען איהם אונטערגעשפּארט מיט קישענס. דאן האָט איהם בן זוף דערלאנגט א טאסע קאפּעע.

דער פּראָפעסאר האט געטרונקען דעם קאפּעע מיט פערגניגען. עס איז געווען דייטליך, אז עס קומט איהם צו געזונד פון יעדעס לעפעלע, וועלכעס ער האט אויסגעטרונקען.

ווען דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעטרונקען זיין קאפּעע, האט איהם בן זוף דערלאנגט א טעלערעל זופּ, וועלכעס דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעגעסען מיט פערגניגען.

ווען ער האט אויפגעגעסען דיא זופּע, האָט ער זיך ערשט אומגעקוקט און האט דערזעהן, אז עס שטעהן ארום איהם מענשען.

— נון מיינע העררען, וויא געפעלט אייך דיא גאלליא ? האט ער געפרעגט.

קוים האט דער אלטער גרעק דערהערט זיין שטימע, איז ער צו געלאָפען צו זיין געלעגער, איז געפאהלען אויף דיא קניע און האָט אויסגערופען :

— אך, גאָט ! — —

— וואס איז דאס ? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט ערשטוינט, וואס וויל ער ?

— האט איהר עפּעס נייעס פון אייראָפּא ? האָט דער גרעק געפרעגט האסטיג, קענט איהר מיר עפּעס דערצעהלען פון גריעכענלאנד ?

— פון אייראָפּא ? האט דער פּראָפעסאָר געפרעגט ערשטוינט און פערוואונדערט, — וואס רעדט דיעזער מאן ? וואס וויל ער פון אייראָפּא ?

— איך וויל פאהרען נאך אייראָפּא ! איך וויל קומען נאך גריעכענלאנד ! האט דער אלטער גרעק אויסגערופען מיט א וויינענדער שטימע.

דער פּראָפעסאָר האָט געטראכט א פּאָאר מינוט, דאן האט ער געפרעגט:

— וואס פאר א טאָג אין מאָנאט איז היינט ?

— דער פינף און צוואנציגסטע מאי, האָט קאפּיטאן סערוואדאק געענטפערט.

— אזוי ? דער פינף און צוואנציגסטע מאי ? האט דער פּראָפעסאָר איבער געפרעגט, — נון דאן זיינען מיר יעצט ווייט פון אייראָפּא פּונקט דרייא מיליאָן מייל.

דער גרעק איז אויפגעשפּרונגען, גלייך וויא מען וואָלט איהם אפּגעגאָסען מיט קאָכיגנדיג וואסער, און האָט אויסגערופען :

— דרייא מיליאָן מייל ! גאָט אין הימעל !

— וואָס איז דאס פאר א מענש ? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט, האט

…ר נאָר קיין מאָל ניט געלערנט? פערשטעהט ער גאָר ניט, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם? איז ער בלינד?

סיינער האט איהם ניט געענטפערט.

— וויא עס וויזט אויס, ווייסט איהר אויך ניט, וואו איהר זייט ערגעץ אין דער וועלט, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט בייז.

עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז ער זיצט אויף זיין שטול אין דער אוניווערזיטעט און לערנט אסטראָנאָמיע מיט הונדערטער סטודענטען.

— ווייסט איהר דען גאָר ניט, וואו מיר זיינען יעצט? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט נאָך אמאָל.

— מיר ווייסען עפּעס, אָבער פיעלע זאכען קענען מיר זיך ניט ערקלערן, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק געענטפערט.

— און וואס ווייסט איהר? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

קאַפּיטאַן סערוואדאק האָט איהם ערקלערט אלעס, וואס ער האָט געוואוסט. ער האט איהם דערצעהלט, וואס עס האָט פּאסירט מיט זייא, און וויא אזוי ער און זיינע קאמעראדען האָבען אויסגעפונען, אז אין דער נאכט פון 31טען דעצעמבער האָט זיך א שטערן אנגעשלאָגען אָן דער ערד, האָט אָפּגע־ריסען א שטיק ערד און האט עס מיטגענומען מיט זיך. אזוי וויא אלע מענשען, וועלכע געפונען זיך יעצט דא, זיינען געוועזען דאמאלס אויף דעם אָרט, וואו דער שטערן האט זיך אנגעשלאָגען אָן דער ערד, מוזען זייא יעצט וואנדערן און ארומרייזען אין אונבעקאנטע געגענדען.

— אָבער וואו זיינען מיר יעצט? וואו געפינען מיר זיך יעצט? האט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— ערגעץ אויף א שטערן, אויף א אנאנדער וועלט. — וואו? דאס ווייסען מיר ניט, האט קאַפּיטאַן סערוואדאק געענטפערט און האט זיך פערשעהמט.

— געוויס ווייסט איהר עס ניט! האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען, — וויא קענט איהר עס וויסען, ווען איהר האָט ניט געלערנט?

— אָבער וואו זיינען מיר דען? האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק געפרעגט א ביטענדער שטימע

— אין דער נאכט פון 31טען דעצעמבער, פּונקט 47 מינוט 35 און האלבע סעקונדע נאָך 2 אוהר, איז מיין קאָמעט אנגעלאָפען אויף דיא ערד מיט

אונגעהייערער סראפט און האט פון איהר אָפגעריסען עטליכע שטיקלעך, לאנד, האט דער פּראָפעסאָר

— אלזאָ געפינען מיר זיך?

— אויף מיין קאָמעט, דיא גאלליא! האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט שטאלץ, וויא א קייזער, וועלכער וואָלט געזאָגט צו איינעם: „דוא געפינסט זיך אין מיין לאנד!“

אלע האבען איהם אנגעקוקט מיט שטוינען און בעוואונדערונג.

5טעס קאפיטעל.

איבער קאָמעטען.

עס איז זעהר מעגליך, אז בן זוף האָט רעכט געהאט, ווען ער האָט בע־הויפּטעט, אז דיא געלערנטע האבען א שטארקע לעבענס קראפט, וויא א קאץ. ערשט מיט א טאג פריהער איז דער פּראָפעסאר געווען, דאכט זיך, אזוי שוואך, אז ער האט קיין וואָרט ניט געקענט ארויס רעדען, און יעצט איז ער שוין געווען פאלקאָמען געזונד און בייא זיין גאנצען פערשטאנד. וואס מעהר ער האט גערעדט און ערקלערט, אלס געזונדער, שטארקער און לעבענס פעהיגער איז ער געוואָרען.

ער איז יעצט געווארען א פאָלקאָמען געזונדער מענש: זיין וויסענשאפט האט איהם בעסער אויסקוריהרט, וויא אלע מעגליכע רעצעפּטען פון אן אפּטייק. ער האט זיך אין גאנצען אויפגעזעצט, האָט אוועק גערוקט פון זיך דיא קישענס און דיא דעקען, מיט וועלכע ער איז געווען ארומגעוויקעלט, און האט אויסגערופען שטאלץ און מאיעסטעטיש:

— יא, איהר געפינט זיך יעצט אויף מ י י ן קאָמעט!

קאפּיטאן סערוואדאק האט יעצט געפונען פאר נעהטיג בעקאנט צו מאכען דעם פּראָפעסאָר מיט זיינע קאמעראדען. ער האָט געוואָלט ווייזען דעם פּראָ־פעסאָר, אז ער געפינט זיך צווישען מענשען, וועלכע פערשטעהן אויף עפּעס.

זייא זיינען צוואר קיינע געלערנטע, אָבער העכסט געבילדעטע און **אנשטענדיגע** מענשען.

ער האט דאהער זיך געווענדעט צום פּראָפעסאָר און **האט** איהם פאָרגעשטעלט.

— דאָס איז מיין פריינד, גראף טימאשאָוו!

— איהר זייט מיר ווילקאָמען, הערר גראף! האָט דער **פּראָפעסאָר** געזאָגט און האט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו גראף טימאשאָוו.

גראף טימאשאָוו האט גענומען דעם פּראָפעסאָרס האנד, האט **זיך** העפליך פערנייגט פאר איהם און האט געזאָגט האלב ערנסט און האלב צום **שפּאס**:

— איך בין געקומען אויף אייער קאָמעט, הערר פּראָפעסאָר, **געגען** מיין ווּיסען און געגען מיין ווילען, אזוי וויא איהר זייט אָבער אזוי פריינדליך, **או** איהר נעהמט מיך אויף אלס גאסט אויף אייער קאָמעט, בין איך **אייך** זעהר דאנקבאר.

קאפּיטאן סערוואדאק האָט זיך געביסען די ליפּען אום **ניט צו** לאכען ער איז געווען א וועלט מאן און האָט גוט פערשטאנען, או דער **גראף** מאכט זיך א שפּאס.

ער האָט געגיבען א ווינק צו שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפ און **האט** איהם פאָרגעשטעלט פארן פּראָפעסאָר:

— דאס איז הערר איוואן מאטווייעוויטש פּראָקאָפ, **דער שיפסקאפּיטאן** פון א שיף, וועלכעס הייסט „דאָבריניא.“

דער פּראָפעסאָר האט איהם אויך אויסגעשטרעקט די **האנד און** האט איהם אויך געזאָגט:

— איהר זייט מיר ווילקאָמען אויף מיין קאָמעט!

— איך וויל נאך דערבייא בעמערקען, הערר פּראָפעסאָר, **או שיפסקאפּי**טאן פּראָקאָפ האָט געמאכט מיט אונז א רייזע ארום און ארום **אייער קאָמעט**, האט העקטאָר סערוואדאק צוגעזעצט.

— אזוי? איהר האט שוין ארומגערייזט מיין קאָמעט? האָט **דער** פּראָפעסאָר אויסגערופען, — דאס איז שעהן! — איהר וועט מיר גיבען **א** גענויע בעריכט איבער אלעס, וואָס איהר האט אויף איהם געפונען, האט **ער** ווייטער געזאָגט מיט א בעפעהלענדער שטימע.

R. L.

זאן סערוואדאק האט יעצט צו גערופען זיין פריינד און זיין קאפאר־ראל בן זוף און האט איהם פארגעשטעלט:

— דאס איז מיין פריינד און מיין ליעטענאנט, קאפאראל בן זוף!

דער פראפעסאר האט זיך נור לייכט פערנייגט און האט איהם ניט גע־געבען דיא האנד מיר האבען דא נאך אנדערע מענשען, האט קאפיטאן סערוואדאק ערקלערט, עס געפינען זיך בייא אונז רוסען, שפאניער, איטאליענער און א גרעק.

קוים האט דער אלטער געארנאס דערהערט דערמאנען זיין נאמען, איז ער צוגעלאפען צום פראפעסאר און האט אויסגערופען:

— גנעדיגער העררן! ווען וועלען מיר דען פאהרען צוריק?

— פאהרען צוריק? האט דער פראפעסאר איבער געפרעגט, וויא קענט איהר דען דענקען פון צוריק פאהרען, ווען מיר האבען ערשט אנגעהויבען אונזער רייזע?

— אלזא וועלען מיר נאך ווייטער פאהרען? האט דער גרעק אויסגערופען, נאך ווייטער פון אייראפא? פון גריעכענלאנד?

— וואס איז דאס פאר א מענש? האט דער פראפעסאר אויסגערופען, — מיר דאכט, אז דער מענש ווייס גאר ניט, וואס א קאמעט איז. איך מוז מיט איהם אנהייבען פון אלף בית.

ער האט זיך אויפגעזעצט, האט אויפגעהויבען שטאלץ זיין קאפ מיט דיא לאנגע מילכווייסע האאר און האט אנגעהויבען צו ערקלערן, גלייך וויא ער וואלט געלערנט מיט סטודענטען.

— א קאמעט איז א זאנדערבארער קערפער, א זאנדערבארע וועלט, וועלכע שוועבט אין דעם אינענדליכען רוים — פלאץ, וועלכע מיר רופען הימעל.

א קאמעט בעשטעהט פון צווייא גאנץ פערשיעדענע טהיילען: איין טהייל איז דער העלכער, לייכטענדער מיטעל פונקט, וועלכען מען רופט „דער קערן,“ אדער דער נוקלעאוס. — פערשטעהט איהר.

דער גרעק האט געשוויעגען, ווייל ער האט גאר ניט פערשטאנען, און דער פראפעסאר האט ווייטער געלערנט.

דער צווייטער טהייל פון א קאמעט איז א לאנגער, העלער שלייף וועלכען מען רופט דעם עק פון קאמעט, אדער אויך דעם בעזים פון א קאמעט, ווייל דיעזער לאנגער שלייף וויזט אויס וויא א בעזים.

א קאמעט נעהט ניט, וויא א געוועהנליכער שטערן, אין א געוויסען קיילעכדיגען וועג ארום דיא זון, זאנדערן אין אן אונגעוועהנליך לאנגען קרייז. א געוועהנליכען שטערן קען מען אפט זעהן, מען קען גאנץ גענוי אויסרעכענען, ווען מען וועט איהם עהן, וייל מען וויים ביז צו דער סעקונדע, ווען ער וועט ווידער קומען. — פערשטעהט איהר מיך?

דער אלטער גרעק האט א שאקעל געטאהן מיט'ן קאפ און דער פראפעסאר האט דערפון פערשטאנען, אז דער גרעק פערשטעהט איהם נאר ניט. דאס האט איהם א ביסעל פערדראסען און ער האט אויסגערופען מיט א שטרענגער שטימע:

— וואס איז דאס פאר א מענש? האט ער דען קיין מאל בעטראכט דעם הימעל בייא דער נאכט? האט ער זיך דען קיין מאל ניט צו געקוקט צו דיא שטערן, וועלכע מען זעהט יעדען אבענד און יעדען מארגען און וועלכע דיא מענשען רופען אבענד שטערן און מארגען שטערן?

ווען איהר האט דאס ניט בעמערקט, קען איך מיט אייך ניט לערנען! האט דער פראפעסאר אויסגערופען.

— מיר האבען עס בעמערקט און מיר וויסען עס, האט קאפיטאן סערוואדאק אויסגערופען.

ער האט געקענט דעם פראפעסאר זעהר גוט און האט געוואוסט, וויא אזוי מיט איהם ארומצוגעהן. דער פראפעסאר האט זעהר פיינט געהאט, מען זאל איהם זאגען:

„איך וויים ניט! איך סען ניט! איך האב ניט בעמערקט!"

— אלזא, דיא שטערן, וועלכע מען קען אין געוויסע צייטען פון יאהר געפינען אויף א געוויסען פלאץ, הייסען פלאנעטען. מען וויים גאנץ גוט, ווען מען וועט זייא געפינען אין א געוויסער צייט פון יאהר, און וואו מען וועט זיי געפינען. מען קען גאנץ זיכער זאגען, אז דען 15טען יוני 1858 וועט מען געפינען דעם שטערן יופיטער אין וועסטען — מעריב זייט — באלד נאך דעם אונטערגאנג פון דער זון. אלזא דער שטערן יופיטער איז א פלאנעט.

עס זיינען ווידער דא שטערן, וועלכע מען קען שטענדיג געפינען אויף איין ארט אין הימעל. זייא ענדערן זיך ניט, זייא ריהרען זיך ניט, זייא בעוועגען זיך ניט. דיעזע שטערן הייסען — פיקס שטערן, וייל זייא שטעהן פעסט אויף איין ארט.

א קאָמעט איז אָבער קיין פיקס שטערן, ווייל ער בעוועגט זיך, ער איז אָבער אויך קיין פלאנעט, ווייל זיין וועג איז נים קיילעכדיג ארום דיא זון, זאָנדערן לענגליך און זעהר אָפט פערקריעכט ער אזוי וויים, אז ער קען שוין גאָר נים צוריק קומען.

— אלזאָ קען זיין, אז מיר וועלען שוין קיין מאָל נים צוריק קומען נאָך גריעבענלאנד? האט שיער נים געוויינט דער אלטער גרעק.

— רוהיג זיין אויסהערן! האָט דער פּראָפעסאָר קאָמאנדירט.

דער ארימער גרעק האָט טרויעריג אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געשוויענען.

— דיא קאָמעטען זינד דיא אינטערעסאנטעסטע וואנדערער אויפ'ן הימעל האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער ערקלערט, זייט מענשען האָבען אָנגעהויבען צו צוקוקען צום הימעל, זייט מענשען האבען אָנגעהויבען צו דענקען צו טראכטען איבער דעם וואָס עס טהוט זיך אויפ'ן הימעל, זייט מענשען האבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן דיא מאשינעריע פון הימעל, האבען זייא זיך אינטערעסירט מים דיא קאָמעטען, ווייל קיין שטערן איז נים אזוי אינטערעסאנט, וויא דיא קאָמעטען.

ער האָט זיך פּלוצלונג געווענדעט צו אלעמען און האָט געפרעגט:

— האָט איהר געלעזען מיין ווערק: „איבער דיא קאָמעטען?“

אזוי וויא אלע האָבען געשוויעגען, איז דער פּראָפעסאָר בייז געוואָרען און האָט אויסגערופען:

— נון, וויא קענט איהר וויסען, וואו איהר געפינט זיך יעצט, ווען איהר האָט נים געלעזען מיין בוך?

— ליעבער פּראָפעסאָר, איהר ווייסט דאָך, אז איך האָב געדיענט אין אפריקא, אין ווילדע געגענדען, וואו עס איז אונמעגליך צו בעקומען ביכער, האָט זיך סערוואדאק פערענטפערט.

— פיעלייכט האָט ער רעכט האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט וויא צו זיך אליין, דאן מוז איך עס אייך ערקלערען.

ער האָט זיך אומגעקוקט, גלייך וויא ער האָט געוואלט זיך איבערצייגען אז אלע הערען איהם צו אויפמערקזאם, און האָט געזאָגט:

— איך האָב אָנגעשריעבען א בוך „איבער דיא קאָמעטען,“ איהר דארפט עס לעזען מיינע הערען, איהר דארפט עס שטודירען, מיינע הערען. מיין

בוך בעשטעהט פון פיער אבטהיילונגען, אָדער פיער גרויסע קאפיטעל, און צוואר:

1. דיא צאהל פון דיא קאָמעטען, אָדער וויא פיעל קאָמעטען זיינען דאָ אויף דער וועלט?
2. איבער פעריאָדישע און נים פעריאָדישע קאָמעטען, דאָס הייסט, איבער קאָמעטען, וועלכע מען קען זעהן אויף דער ערד אין געוויסע צייטען, און איבער קאָמעטען, וועלכע מען זעהט אויף דער וועלט נור איין מאָל, דאן פערשוואונדען זייא אויף אייביג.
3. קען עס אמאָל פאָרקומען, אז א קאָמעט זאָל זיך אנשלאָגען, אנשטויסען, אן אונזער ערד?
4. וואס קען ווערן דערפון, ווען עס זאָל פאָרקומען אזא אנשלאָגען זיך, אנשטויסען זיך, פון א קאָמעט מיט דער ערד?

דאס איז דער אלגעמיינער אינהאלט פון מיין בוך אָבער ניט יעדער קען עס אזוי לייכט פערשטעהען און דארום מוז איך עס ערקלערן.

ערשטענס, וויא פיעל קאָמעטען זיינען דאָ אויף דער וועלט, אָדער אין הימעל?

דער געלערנטער אסטראָנאָם אראגאָ האָט אויסגערעכענט, אז ארום דער זון דרעהן זיך ניט ווענינער אלס 17,000,000, זיעבעצעהן מיליאָן קאָמעטען; דער געלערנטער לאמבוער אָבער בעהויפטעט, אז מיר האבען צו טאָהן מיט אן ארמעע פון פינף הונדערט מיליאָן, 500,000,000, קאָמעטען. דער געלערנטער קעפלער אָבער זאָגט, אזוי וויא מען קען ניט איבערצעהלען דיא פיש פון מעער, אזוי קען מען ניט איבערצעהלען דיא קאָמעטען. ,,איך וואָלט געדארפט זאגען, אז עס זיינען דאָ אזוי פיעל קאָמעטען, וויא זאמד ביים ברעג פון מעער,‘‘ ערקלערט דער געלערנטער קעפלער. ,,דאָס וואָלט אָבער ניט ריכטיג געווען, ווייל זאמד ביים ברעג פון מעער געפינט זיך אויף איין אָרט און מען קען עס בערעכענען; דיא פיש אָבער שווימען ארום, לויפען ארום און פליהען ארום פון איין אָרט צום אנדערן און עס איז אונמעגליך זייא איבער צו צעהלען און זייא איבער צו רעכענען. דיא קאָמעטען זיינען אויך אזוי: זייא שטעהן קיין מאָל ניט אויף איין אָרט, זייא בעוועגען זיך שטענדיג, שווימען שטענדיג ארום, לויפען שטענדיג ארום און עס איז זעהר שווער, זאָגאר אונמעגליך, זייא נאכצויאגען מיט דעם בעסטען טעלעסקאָפ.‘‘

„איך זאָג אייך מיינע הינדרעז, אז קעפלער האָט רעכט: מען קען ניט איבערצעהלען דיא קאָמעטען, אזוי וויא מען קען ניט איבערצעהלען דיא פיש אין מעער, ווייל עס ווערן אלע מאָל געבאָרען נייע קאָמעטען.—“

— געבאָרען? האָט בן זוף אויסגערופען, א קאָמעט קען געבאָרען ווערן?

— ווער איז דער מענש? האָט פראָפעסאָר ראָזעט געפרעגט, — וואָס ווייס ער פון קאָמעטען? ווייס ער, אז וויט, וויט, הויך, הויך אין הימעל בילדען זיך אלע מאָל נייע שטערן, נייע וועלטען, וויא עס בילדען זיך נייע אינזלען אין מעער? פערשטעהט דען ניט דיעזער מענש, וואָס מען רעדט צו איהם? ווייס ער דען ניט, אז דאָרט ערגעץ גאנץ וויט, וואו ער האָט געווים נאָך קיין מאָל ניט גע־קענט דערגרייכען מיט זיין טעלעסקאָפּ, זאמעלן זיך אָן געוויסע מאַטעריאלען און עס ווערט פון זייא א קאָמעט? ווייס דען ניט דיעזער מענש פון דיא געזעצע פון אטראַקציאָן — כח המושך, און פון דיא געזעצע פון גראַוויטאציאָן — דיא שווערקייט פון קערפּער?

בן זוף האָט זיך פערשעהמט און איז זיך פערקראָכען אין א ווינקעלע.

דער פּראָפעסאָר האָט ווייטער געזאָגט:

„צווייטענס, עס זיינען דאָ סאָמעטען, וועלכע קומען אין געוויסע צייטען — פּעריאָדיש, און פון וועלכע מען ווייס גאנץ גוט, ווען זייא וועלען קומען, ווען מען וועט זייא זעהן אויף דער ערד, און ווען זייא וועלען פערשוואונדען, דאס הייסט, מען וועט זייא ניט זעהן אויף דער ערד.“

„אזעלכע קאָמעטען זיינען דאָ נור פיערציג, פון דיעזע 40 זיינען דאָ צעהן, וועלכע קומען אין קורצע צייטען, אין א צייט פון עטליכע יאהר צוריק צו אונ־זער ערד און דיעזע צעהן הייסען: האַלליעי'ס קאָמעט, ענקע'ס קאָמעט, ביעלא'ס קאָמעט, פּייע'ס קאָמעט, בּראָרזענ'ס קאָמעט, דאררעסט'ס קאָמעט, טוטלע'ס קאָמעט, ווינעקקע'ס קאָמעט, דעוויקאָ'ס סאָמעט און טעמפּל'ס קאָמעט, מיט אנדערע ווערטער, יעדער קאָמעט הייסט נאָך דעם געלערנטען, וועלכער האָט איהם אויסגעפונען און גענוי אויסגערעכענט, ווען ער וועט צוריס קומען.“

זאָ, צום ביישפּיעל, הייסט א געוויסער קאָמעט האַלליעי'ס, ווייל דער דייטשער געלערנטער האַלליעי האָט איהם אויסגעפונען און אויסגערעכענט, אז מען קען איהם זעהן אויף דער ערד נור איין מאָל אין 75 יאהר. — פער־שטעהט איהר מיך?“

אזוי וויא אלע האבען געשוויגען, האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער געזאָגט:

— איך זעה, אז איהר פערשטעהט מיך ניט גאנץ גוט און דארום מוז איך אייך ערקלערן. איהר זעהט אויף דער ערד זומער און ווינטער. ווען דער טאג ווערט גאנץ קליין אום ווינטער, ווייסט איהר, אז עס וועט קומען א גאנץ לאנגער טאג אום זומער, דאס הייסט, אז דיא ערד וועט צוריק קומען צו דעם פונקט, ווען זיא ווערט שטארק בעלייכטעט פון דער זון. דאס הייסט ביא דיא איינוואוינער פון דער ערד א יאהר. אויף דעם קאמעט, וועלכען מיר רופען האללעי'ס קאמעט, געדויערט אזא יאהר 75 יאהרען פון דיא יאהרען פון דער ערד.

„ענקע'ס קאמעט געהט שוין שנעלער, ער קומט צוריק אין 1,205 טעג אדער אין דרייא און האלב יאהר. אזוי וויא מען קען איהם זעהן זעהר אפט, האט מען זיך בעסער צוגעקוקט צו איהם און מען האט געפונען, אז ער קומט צו אלע מאל נעהנטער צו דער זון און מיט דער צייט וועט ער געוויס אין גאנצען פארברענט ווערן פון דער זון אדער דיא זון וועט איהם איינשלינגען.“

„איך וואלט איינענטליך געדארפט אייך ערקלערן, וויא אזוי אלע קאמעטען געהן און ווען מען קען זעהן אויף דער ערד, אבער איהר קענט עס דאך געפינען אין מיין בוך.“

„איך וויל אייך נור זאגען, אז נור דיעזע 10 קאמעטען זיינען פעריאדישע, דאס הייסט, זיי קומען צוריק אין געוויסע צייטען, דיא איבעריגע קאמעטען וואנדערן ארום אין הימעל, דאס הייסט, אין דעם גרויסען, אונענדליכען, אונערמעסליכען פלאץ, וועלכען מיר רופען הימעל. דיעזע קאמעטען זיינען עכטע, ריכטיגע וואגאבונדען, ווייל זייא האבען קיין היים. ווען זייא קומען צו צו א גרעסערן, שטארקערן שטערן, ציעהעט ער זייא צו צו זיך און האלט זיי פעסט, זייא ווערן צו געקלעפט, צו געשמאלצען צו איהם. דאס איז דיא אורזאכע, וואַרום מען קען זייא ניט איבערצעהלען.“

„דריטענס, איבער דיא פראגע. קען זיך אמאל אזא קאמעט, אזא וואגאבונד, אנשטויסען אן דער ערד און אנמאכען א צרה? האבען פיעלע געלערנטע בעזאנדערס אבער דער בעריהמטער פראנצויזישער אסטראנאם לאפּאלס אין דער געלערנטער ארבייט אויסגעשפּראכען, אז אזא פאל קען פארקומען אבער זעהר זעלטען. דער געלערנטער ארבייט האט אויסגערעכענט, אז אזא פאל קען פארקומען איין מאל צווישען צוויא הונדערט אכציג מיליאן מאל, דאס הייסט, אז

280 מילליאן קאמעטען קענען פערביי לויפען אונזער ערד און .יא נים בעריהרען און ערשט דער 280 מילליאן און 1 קען זיך צוזאמען שטויסען מיט דער ערד.״

„פיערטענס, וואס וועט ווערן דערפון, ווען אזא קאמעט זאל זיך אנשטויסען אן דער ערד? — אויף דיעזע פראגע וועל איך יעצט קענען אנטווארטען ווייל איך האב געהאט דאס גליק און דיא געלעגענהייט צו בעטראכטען און צו בעטראכטען אזא צוזאמענשטויס פון אנפאנג אן. איך האב עס פאראויס בערעכענט און פאראויס געזעהן.״

— זייט איהר צופריעדען מיט אייערע בערעכנונגען? האט קאפיטאן סערוואדאק זיך ערלויבט צו פרעגען.

— אויב איך בין צופריעדען? האט דער פראפעסאר אויסגערופען, — איך בין גליקליך! איך האב צו ערשט דערזעהן דיא גאלליא, איך האב זיא אויסשטודירט, איך האב אויסגערעכענט, אז זיא מוז זיך אנשטויסען, אן דיא ערד און יעצט געפין איך מיך אויף מיין קאמעט.

— אבער וויא קומט איהר אויף דער אינזעל פארמענטערא? האט קאפיטאן סערוואדאק געפרעגט. ווען איהר האט אזוי גענוי אויסגערעכענט ווען דער קאמעט וועט זיך אנשטויסען אן דער ערד און וואו ער וועט זיך אנשטויסען וואָרום האט איהר ניט געווארט דאָרויף אין אלושיר, אין אפריקא, ניט ווייט פון מיין וואינונג?

— דאס איז געוועזען א צופאל, האט דער פראפעסאר געענטפערט. איך און מיין סאמעראד ביאָא האבען געפונען, אז אייניגע אויסרעכנונגען איבער גראַדען פון דער ערד זיינען ניט ריכטיג און מיר האבען געוואלט זיך איבערצייגען, וויא גענוי און וויא פינקטליך מען קען היינט און מען ווייס היינט, וויא ווייט עס איז יעדער שטערן פון דער ערד.

מיר האבען זיך געווענדעט צו דער פראנצויזישער רעגיערונג און געבעטען, מען זאל אונז געבען צוואנציג טויזענד פראנק, א קלייניגקייט, וועלכע מוז קאסטען, ווען מען וויל אזא רעכנונג מאכען פונקט גענוי. מיר האבען גערעכענט, אז דיא רעגיערונג וועט אונז גיבען דיעזע קליינע סומע מיט פערגניגען, ווייל פאר דיא שיפען איז עס נאטהווענדיג צו וויסען גאנץ גענוי, וואו זייא געפינען זיך אין געוויסע צייטען, אבער דער מיניסטער האט אונז געענטפערט, אז יעצט דארף מען האבען מעהר געלד פאר דיא ארמעע, וויא פאר געלערנטע.

R. L.

דאס האט אונז פערדראָסען און מיר האָבען זיך בעשלאָסען צו מאכען אונזערע בערעכנונגען אליין, אָהן דער הילף פון דער רעגיערונג. איך בין געפאהרען אויף דיא אינזעל פאָרמענטערא און מיין פריינד ביאָ האט זיך בעזעצט אויף א הויכען בארג אין שפאניען. מיר האָבען אָפגערעדט, מיר זאָלען זיך גיבען איינער דעם אנדערן צייכענס דורך א העליאָגראף, א זון שפיגעל.

אין דער צייט וואס איך האָב געארבייטעט פאר זיך אויף דער אינזעל פאָרמענטערא, האָב איך גאנץ צופעליגער ווייזע ענדעקט דעם קאָמעט, וועלכען איך האב שפעטער א נאָמען געגעבען גאלליא. קוים האָב איך איהם ענטדעקט און האָב אָנגעהויבען אויסצורעכענען זיין גאנג, בין איך אזוי פעראינטערעסירט געוואָרען מיט איהם, אז איך האָב פערגעסען דיא פראנצויזישע רעגיערונג, מיין פריינד ביאָ און זאָגאר דעם צוועק, צו וועלכען איך בין געקומען נאָך פאָרמענטערא.

איך האָב נור געקוקט אויף מיין קאָמעט און האָב אויסגערעכענט, ווען און וואו ער וועט זיך צוזאמענשטויסען מיט דער ערד. דיא הויפט פראגע איז געווען, וועט ער זיא נור בעריהרען. נור זיך אנקלאָפען אן א זייט פון איהר, אָדער זיא אנשלאָגען אין דער מיט.

איהר מוזט וויסען, מיינע העררען, אז אין אזא פאלל איז עס זעהר שווער אויסצורעכענען צום פינקט צו דער סעקונדע, ווייל א קאָמעט געהט ניט אזוי אנשטענדיג און אזוי רעגעלמעסיג ווי א פלאנעט.

איך האָב געהאט מיט מיר א געטרייען דינער, א פריינד, מיט'ן נאמען יאָזעף. ער פלעגט מיר בעזאָרגען אלעס, וואס איך האָב געדארפט, און פלעגט מיר העלפען אויפשטעלען מיינע אינסטרומענטען. איך האָב געדונגען א קליין שטיבעלע ביי א פארמער און יאָזעף פלעגט מיר ברענגען עסען.

אנפאנגס נאָוועמבער האָב איך געהייסען מיין טרייען יאָזעף אָנגרייטען שפייז פאר עטליכע מאָנאטע. איך האָב גערעכענט, אז דער קאָמעט קען בעריהרען דיא אינזעל פאָרמענטערא, אָבער איך האָב ניט געקענט וויסען, אויב ער וועט ארויף פאלען מיט זיין גאנצער מאכט און וועט אונז אלעמען צו קוועטשען און פערניכטען, אָדער ער וועט אָפרייסען א שטיק פון דער אינזעל

יאָזעף האט מיך צוואר געפאָלגט, אָבער ער האט מיך ניט פערשטאנען.

ער האָט געמיינט, אז איך מאך מיר א שפּאס, און דארום האט ער נים אָנגענרייט אלע זאכען, וועלכע איך האָב איהם געהייסען אָנגרייטען.

דעם 30טען דעצעמבער בין איך געווען אזוי אויפגערעגט, אז איך האָב גאָר נים בעמערקט, וואו יאָזעף איז ערגעץ אהינגעקומען. איך בין א גאנצען טאָג און א גאנצע נאכט געשטאנען לעבען מיין טעלעסקאָפּ און האָב בעטראַכט מיין קאָמעט. ווען דער צוזאמענשטויס איז געשעהן, האט עס מיך געגעבען אזא שלייָדער, אז איך בין געפאהלען אין אָהנמאכט, ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך דערזעהן אז איך בין אליין, גאנץ אליין.

וואו איז אהינגעקומען יאָזעף? וואו איז אהינגעקומען דער פארמער, און וועמעס שטיבעלע איך האָב געוואוינט? דאָס ווייס איך נים. זאָ ווייס איך פערשטעה, האָט דער קאָמעט אָפּגעריסען נור א שטיקעלע פון דער אינזעל פאָרמענטערא און צוואָר, דאָס שטיקעלע ערד וואו איך האב מיך געפונען.

ווען איך האָב מיך איבערציינגט, אז איך בין גאנץ אליין, האב איך אָנגעהויבען צו שרייבען צעטעלעך, זייא ארייגלעגען אין פלעשער און די אריינוואָרפען אין מעער,—סורץ, איך האָב פּרובירט דיא פלאשען פּאָסט.

זאָ לאנג איך האָב געהאט פלעשער און פלעשעלעך, האב איך געשיקט מיינע בריעף דורך זייא; ווען איך האָב מעהר נים געקענט געפינען קיין אייגציגעס פלעשעלע, האָב איך אָנגעהויבען צו שיקען מיינע בריעף אין שאכטעלעך פון סארדינען, אין שטיקלעך לעדער און אין וואָס איך האב געקענט קריגען.

ענדליך האָב איך אויסגעפונען, אז איך האָב וועניג פּראָוויאנט און איך האָב אוועקגעשיקט דיא איינציגע בריעף טויב, וועלכע איך האב מיטגענומען פון פראנקרייך.

דאָס איז אלעס! האָט דער פּראָפעסאָר געענדיגט שטאָלץ.

— מיר פערשטעהן יעצט פיעלע זאכען, וועלכע מיר האָבען ביז יעצט נים פערשטאנען, האָט שיפּסקאַפּיטאן פּראָקאָפּ געזאָגט, איך וויל אייך אָבער פרעגען הערר פּראָפעסאָר, וויא קומט עס, וואס אלעס איז צוגעגאנגען אזוי שטיל און אזוי רוהיג? וויא איז דאָס מעגליך, אז אזעלכע צוויא וועלטען, וויא דיא ערד און דיא גאלליא, האבען זיך אָנגעשלאָגען, און מיר האבען עס כמעט גאָר נים געפיהלט.

— פאר וואָס דאָס איז, פרעגט איהר? האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען, האָט איהר א מאָל געזעהן, וויא מען שיעסט אויס פון א גוטער ביקס און דיא קוגעל לויפט דורך א שויב, א שטיק גלאָז? ווען דיא ביקס איז ווירקליך גוט, וועט דיא קוגעל מאַכען א לאָך אין דער שויב, אָבער נים זיא צו ברעכען: דיא שויב וועט בלייבען גאַנץ. נור א קליין שטיקעלע, א קיילעכדיג שטיקעלע, אזוי גרויס, וויא דיא קוגעל, פעהלט, איז ארויסגעריסען געוואָרען.

פערגעסט ניט, מיינע הערריען, אז דיא ערד לויפט מיט א שנעלליקייט פון 28,000 מייל אין א שטונדע, דיא נאַלליא לויפט מיט א שנעלליקייט פון 57,000 מייל א שטונדע, ווען דיעזע ביידע לויפען איינע געגען דיא אנדערע, לויפען זויא צוזאַמען 85,000 א שטונדע. נו, מיינע הערריען סטודענטען, קענט איהר זיך פאָרשטעלען, וואָס עס קען פּאַרקומען, ווען אן אייזענבאהן צוג זאָל לויפען מיט א שנעלליקייט פון 85,000 מייל א שטונדע, און זאָל טרעפען אויף דעם וועג א טויער, א וואנט? — ער וועט איהם אָפּרייסען און מיט זיך שלעפען, דאס הייסט, דיא שטיקער וועלכע וועלען ארויספאלען אויף איהם.

דאָסזעלבע האָט פּאסירט מיט דיא שטיקער ערד, וועלכע דיא נאַלליא האָט בעריהרט. זיא האָט זיי אָפּגעריסען און מיט געשלעפּט. מיר האָבען זיך געראָדע געפונען אויף דיעזע שטיקער לאַנד און זיא שלעפּט אונז מיט.

— וויא קומט עס אָבער, וואָס מיר זעהן יעצט דיא זון אויפגעהן אין וועס־טען — מעריב זייט, און אונטערגעהן אין אָסטען — מזרח זייט? האָט שיפסקאַ־פּיטאַן פּראָקאָפּ געפרעגט.

דער פּראָפעסאָר איז ווידער בייז געוואָרען און האָט אויסגערופען:

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? וויים ער דען ניט, אז פיעלע קאָמעטען געהן צוריק? וויים ער דען ניט, אז פון 252 קאָמעטען געהן 123 פון אָסט — מזרח — נאָך וועסט — מעריב — און 129 געהן פערקעהרט, פון וועסט — מעריב — נאָך אָסט — מזרח?

— ערלויבט מיר נאָך איינע פראגע, האָט קאַפּיטאַן סערוואדאַק געבעטען.

— פרעגט, העקטאָר סערוואדאַק, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט שטאָלץ.

— איז דיא נאַלליא א פעריאָדישער קאָמעט? אויב יא, דאַן זאָגט מיר, אין וויא פיעל צייט וועט ער צוריק קומען צו דער ערד?

— דאָס זיינען ריכטיגע פראגען, העקטאָר סערוואדאַס! האָט דער פּראָפע־סאָר אויסגערופען, איך האָב ליעב, ווען מיינע סטודענטען שטעלען מיר ריכטיגע

פראגנעז, און דארום וויל איך אייך ענטפערן, אז דיא גאלליא איז א פעריאָדישער קאָמעט, ער מאכט זיין רייזע ארום דיא זון אין צוויא יאהר פינף און צוואנציג און א האלבען טאָג.

— מיינט איהר דערמיט, אז אין 2 יאהר 25 און א האלבען טאָג וועט דיא גאלליא צוריק קומען צו דער ערד אין דעם פונקט, וואו זייא האָבען זיך אָנגעשטויסען אין דער נאכט פון 31טען דעצעמבער? האט שיפסקאפיטאן פראקאפ געפרעגט.

— גאנץ ריכטיג. איך האָב מורא, אז עס וועט אזוי זיין.

— פאר וואָס האָט איהר דען מורא? האָט שיפסקאפיטאן פראָקאָפ ווייטער געפרעגט.

— וייל איך וואָלט געוועזן פיעל מעהר צופריעדען, אז דיא גאלליא זאָל שוין קיין מאָל ניט צוריק קומען נאָהענט צו דער ערד.

— ווארום וואָלט איהר עס געווען אזוי צופריעדען? האָט פראָקאָפ זיך ערלויבט צו פרעגען.

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? האָט דער פראָפעסאָר אויסגערופען, — ער אינטערעסירט זיך דאָך גאָר ניט מיט אסטראָנאָמיע!

— ניין, הערר פראָפעסאָר! איך אינטערעסיר מיך זעהר שטארק מיט אסטראָנאָמיע, האט זיך שיפסקאפיטאן פראָקאָפ ענטשולדיגט. איך פרעג אייך נור דארום, וייל איך וויל וויסען, אויב מיר קענען נאָך האָבען א האָפנונג צוריק צו קומען צו דיא אלטע ערד.

— נון, דאן פערשטעהט איהר גאָר נישט! האָט דער פראָפעסאָר אויסגערופען בייז. ווען דיא גאלליא וואָלט שוין קיין מאָל ניט צוריקגעקומען צו דער ערד, וואָלט זיא אונז געפיהרט וייט, וייט אין דעם גרויסען באום—פלאץ, וועלכע דיא געוועהנליכע מענשען רופען הימעל, און מיר וועלען קענען פערשטעהן און זעהן מיט אונזערע אויגען אלע וואונדער פון הימעל.

6טעס קאפיטעל.

א ביסעל וויסענשאפט.

דער פראפעסאר איז פאלקאמען געזונד געווארען. מען האט געמוזט זוכען פאר איהם א פלאץ, וואו ער זאל סענען אויפשטעלען זיינע אינסטרומענטען און ארבייטען. עס איז וואהר, אז פראפעסאר ראזעט האט קיין זאך ניט געפאדערט קיין זאך ניט פערלאנגט און האט אין קיין בעציהונג, אין קיין פאל ניט בעוויזען, אז ער איז בעסער פון אנאנדערן. ער איז געווען, וויא א קינד: ווען מען האט איהם געגעבען עפעס, איז ער געווען צופריעדען און האט געדאנקט, האט מען פערגעסען איהם צו געבען עסען, האט ער געשוויגען, נור פון צייט צו צייט פלעגט ער פאדערן א טאסע קאפפע, אבער יעדער האט געוואוסט, אז נור דיעזער זאנדערבארער געלערנטער איז אים שטאנד זייא צוריק צו ברייגגען א היים, זייא ארויסצוהעלפען פון זייער טרויעריגער לאגע און דארום האט יעדער זיך בעמיהט צו פערשאפען דעם פראפעסאר אלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען.

מען האט אויסגעזוכט א קליינע גאלעריע אין דעם בארג, וואו מען האט געבראכט א טיש און א בעט פון דער „דאבריניא" און מען האט זיי אניעדער געשטעלט פאר דעם פראפעסאר. דאן האט מען אויפגעשטעלט אלע זיינע אינס־טרומענטען. אין דרויסען, פאר דעם אריינגאנג פון הייל, האט מען אויפגעשטעלט זיין גרויסען טעלעסקאפ.

יעדער, זאגאר דיא שפאניער און דער גרעק, האבען געוואוסט, אז נור דיעזער האלב פערריקטער אלטער מאן, איז אים שטאנד זיי צו העלפען, און דא־רום האט קיינער ניט געוואגט אים צו שטערן. ווען ער פלעגט עפעס בעטען, פלעגט יעדער לויפען און עס האלטען פאר אן עהרע צו ערפילען זיין וואונש און זיין פערלאנגען.

פראפעסאר ראזעט האט זיך ווענינ אומגעקוקט, וואס עס טהוט זיך ארום איהם, ער האט געלעבט מיט זיינע שטערן, פלעגט רעדען מיט דיא שטערן, פלעגט זיך אונטערהאלטען מיט דיא שטערן, און פלעגט שטענדיג נור רעכענען און קוקען אויף דיא שטערן.

אונטערדעסען איז עס געוואָרען קעלטער און קעלטער. דאס טהערמאָמעטער האָט געוויעזען 30 גראד קעלט. אין אזא קעלט ווערט דאָס קוועקזילבער ניט פערפראָרען און מען קען זיך נאָך בענוצען מיט א טהערמאָמעטער פון קוועקזילבער. עס איז אָבער געווען שעהן און שטיל. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אויפהייבען א ווינט, אָבער דער הימעל פלעגט בלייבען קלאר און ריין און זעלטען פלעגט אַנפאלען אביסעל שנעע.

עס איז בעוויעזען, אז דיא קעלט שאדעט ווייניג דעם מענשען. ווען מען קען זיך נור אנטאָהן ווארים און שלאָפען אין א צימער, וועלכעס איז געשיצט פון קעלט, קען א מענש לייכט איבערטראָגען דיא שטארקסטע קעלט. מענשען, וועלכע פאהרען צום נאָרד פאָל, ליידען זעהר פיעל ניט פון דער קעלט, זאָנדערן פון דער נאסקייט, פון נעבעל, פון שנעע שטורם, פון פלוצלונגע ענדערונגען אין דער טעמפעראטור, אויף דער גאלליא אָבער איז געווען נור קאלט, א טרוקענע קעלט, א שטילע קעלט, א רעגעלמעסיגע קעלט, ווייל דיא קעלט איז געקומען לאנגזאם: עס איז געוואָרען אלע מאָל קעלטער און קעלטער; מען האָט געפיהלט, אז דיא גאלליא דערווייטערט זיך אלע מאָל פון דער ווארימקייט, פון דער זון.

איין מאָל אבענדס, ווען עס איז געוואָרען שטארק קאלט און אלע איינוואוינער פון דער גאלליא האָבען זיך פערזאמעלט אין דער הייל לעבען וואולקאַן, וואו עס איז געווען שטארק ווארם, זיינען גראף טימאשאָוו, העקטאָר סערוואדאק, שיפסקאַפּיטאן פראָקאָפּ, אינזשעניר טינעלעוו און בן זוף אריינגעקומען אין דיא גאלעריע, וואו פראָפעסאָר ראָזעט האָט געוואוינט און גערעכענט אום צו פערברענגען מיט איהם דעם אבענד און צו הערן, וואָס ער האָט עפּעס נייעס אויסגעפונען.

פראָפעסאָר ראָזעט איז געראָדע געווען העכסט צופריעדען מיט זיינע ארבייטען און האָט זיך ערלויבט זיך אָפּצורוהען אין דעם גרויסען, ווייכען, שטוהל, וועלכען מען האָט געבראכט פאר איהם פון דער „דאָבריניא.“

— וואו זיינען מיר ערגעץ אין דער וועלט? האָט העקטאר סערוואדאק געפרעגט.

— זעהט איהר דען ניט, אז מיר געפינען זיך שוין ווייטער פון דיא פלאַנעטען? האָט דער פראָפעסאר געפרעגט פערוואונדערט, האָט איהר דען גאָר קיינע אויגען? — זעהט איהר דען ניט, אז מיר געפינען זיך ווייטער פון דעם

שטערן סאטורן? — זעהט איהר דען ניט, אז די גאלליא געהט צו איהר אפהעליאן?

— וואס הייסט דאס? האט בן זוף געפרעגט, וואס איז דאס פאר א ווארט? איך הער אזא ווארט צום ערשטען מאל אין מיין לעבען.

— וואס איז דאס פאר א מענש? האט דער פראפעסאר אויסגערופען בייז, — האט דיזער מענש גאר ניט געלערנט? ווייס ער עס ניט, וואס עס הייסט: אפהעליאן און פעריהעליאן?

— איך ווייס עס טאקע ניט, האט בן זוף געענטפערט גאנץ פרעך.

— דוא ווייסט ניט, אז פעריהעליאן הייסט: נאהענט צו דער זון, דאס מיינט, די צייט, ווען א שטערן אדער די ערד קומט גאנץ נאהענט צו דער זון און דערפאר איז ווארים אויף איהם. אפהעליאן אבער הייסט ווייט פון דער זון, אדער די צייט ווען א שטערן געפינט זיך ווייט פון דער זון, דערפאר איז אויף איהם קאלט? וויא ווייס עס ניט א מענש אזא קליינינקייט?

בן זוף האט פערצויגען מיט די אקסלען און האט גאר ניט געענטפערט.

— מיר קומען יעצט צו דער אפהעליאן, אלזא ווילען מיר האבען קאלט און פינסטער אויף אונזער גאלליא, האט סערוואדאק געזאגט, ווען וועלען מיר אבער ווידער קומען צום פעריהעליאן?

— פונקט דען 15טען יאנואר אום 12 אוהר 25 מינוט, 33 סעקונדען, האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— אלזא נאך אין זיבען מאנאט?

— אין 7 מאנאט פון דער גאלליא.

— איך פערשטעה אייך ניט, פראפעסאר! האט העקטאר סערוואדאק אויס ערופען.

— העקטאר סערוואדאק איז שטענדיג געווען א שלעכטער שילער און האט ניט גוט פערשטאנען, וואס איך פלעג איהם ערקלערן, האט דער פראפעסאר געזאגט בייז און פערדראסען.

— אבער העקטאר סערוואדאק פלעגט שטענדיג בעטען פראפעסאר פאל־מערין ראזעט, ער זאל איהם ערקלערן און דאס טהוט ער אויך יעצט: ער בעט בייא אייך אן ערקלערונג.

סערוואדאקס ביטענדע שטימע האט בערוהיגט דעם פראפעסאר און ער האט געזאגט:

— אין ערקלערונג וועל איך אייך געבען. דיא גאלליא געהט ארום דיא זון אין א צייט פֿון 735 טעג, אָדער עפּעס מעהר אלס צווייא יאהר. אזוי וויא מיר זיינען געוואוינט איינצוטהיילען דאס יאהר אין 12 מאָנאטע, דארפֿען מיר איינטהיילען דאָס יאהר אויף דער גאלליא אויך אין 12 מאָנאטע, אָבער אויף דער ערד האָט דער מאָנאט נור 30 טעג, ווייל דיא ערד געהט ארום דיא זון אין 365 טעג; ווען ד א גאלליא געהט ארום דיא זון אין 735 טעג, מוז דער מאנאט פֿון דער גאלליא האבען 60 טעג. — פערשטעהט איהר?

קאפּיטאן סערוואדאק האט א שאקעל געטאהן מיט'ן קאָפּ אלס צייכען אז ער פערשטעהט.

— נון, האט דער פּראפעסאר ווייטער געזאגט, דיא טעג אויף דער גאלליא האבען נור 6 שטונדען, דאס הייסט 6 שטונדען טאג און 6 שטונדען נאכט, אויף דער ערד אבער איז 12 שטונדען טאג און 12 שטונדען נאכט. 2 טעג פֿון דער גאלליא זיינען אלזא נור 1 טאג אויף דער ערד, אלזאָ האט א מאָנאט אויף דער גאלליא 120 טעג.

— אלזאָ האָבען מיר יעצט דעם 118 טאָג אין מאָנאט מאי! האָט בן זוף אויסגערופֿען.

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט פערוואונדערט, ער קען דאָך גאָר ניט רעכענען: היינט האָבען מיר דעם 62טען מערץ.

וויא זאָנדערבאר, וויא ווילד עס האָט זיך יעדען אויסגעוויעזען צו זאגען, אז היינט האבען מיר דעם 62טען מערץ, האט זייא דער פּראפעסאר דאָך באלד איבערצייגט, אז ער האט פאלקאמען רעכט.

אייניגע מינוטען האָבען אלע געשוויעגען. יעדער האָט בייא זיך געפיהלט, אז דער פּראָפעסאָר פערשטעהט דאָך מעהר פֿון זייא, און אז דיא וויסענשאפט קען דאָך אויסרעכענען, בערעכענען און פערשטעהן פיעלע זאכען, וועלכע אן איינפאכער מענש, א ניט געלערנטער מענש, קען עס ניט.

אלזאָ רעספּעקט פאר דיא וויסענשאפט!

— מיינע העררען, האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער געזאגט, מיינע העררען, ווען מען געפינט זיך אויף א קאָמעט דארף מען האבען אין זינן נור דעם קאָמעט דארף מען לערנען דעם קאָמעט און פערשטעהן דעם קאָמעט, דאָס האָב איך אויך געטאָהן. איך האָב אויסגערעכענט אז דיא גאלליא איז זעקס מאָל קלענער

פון דער ערד. דאס איז ניט שווער פאר יעדען, וועלכער האט געלערנט אסטראנאמיע. דאס שווערסטע פאר מיר איז צו וויסען וויא פיעל וועגט דיא גאלליא.

— איהר ווילט אפוועגען דיא גאלליא מיט דיא וואסערן, מיט דיא בערג, מיט דיא טהאלען, מיט דער דאבריניא, מיט דעם נעארנאס, מיט אלעמען? האט בן זוף געפרעגט, וויא אזוי איז דאס מעגליך? וואו וועט איהר נעהמען אזא גרויסע וואנשאל?

— וואס איז דאס פאר א מענש? האט דער פראפעסאר אויסגערופען, דער פערשטעהט דאך גאר ניט פון פיזיק! — איך דארף האבען א קאנטער, א וואג שאל, א טעלער וועלכער העננט אויף א שפרינג פעדער און אויבען איז אנגעצייכענט דאס געוויכט. איהר ווייסט דאך געוויס, וואס מיר פערשטעהען אונטער דעם ווארט געוויכט? — געוויכט הייסט דיא שטארקייט פון דער אנציעהונגס קראפט פון דער ערד אדער פון דעם שטערן, וואו א זאך געפינט זיך. איך וועל נעהמען א פונט, דאס הייסט, א שטיק אייזען אדער קופער, וועלכעס אויף דער ערד האט עס געוואויגען א פונט. דיעזעס שטיק אייזען וועל איך ארויף לעגען אויפ'ן טעלער פון קאנטער און וועל זעהן, וויא פיעל עס וועגט. איהר האט זיך שוין איבערצייגט, אז אויף דער גאלליא איז יעדע זאך לייכטער, וויא אויף דער ערד; איהר האט געזעהן, אז אייערע פערד שפרינגען דא העכער, וויא אויף דער ערד, דאס קומט דערפון, וואס דיא גאלליא איז פיעל קלענער פון דער ערד, איהר אנציעהונגס קראפט, — איהר כח המושך — איז דארום שוואכער, און א שטיק אייזען, וועלכעס האט אויף דער ערד געוואויגען א פונט, דארף אויף דער גאלליא וועגען נור א האלבעס פונט אדער נור דרייא פיערטעל פונט. דיא רעכנונג איז אלזא איינפאך: מיט וויא פיעל מאל א פונט וועגט וועניגער אויף דער גאלליא וויא אויף דער ערד, אזוי פיעל מאל איז דיא גאלליא קלענער פון דער ערד.

דיא ערקלערונג פון פראפעסאר איז געוועזן אזוי איינפאך, אזוי פערשטענדליך און אזוי קלאר, אז זאגאר בן זוף האט איהם פערשטאנען.

וואו נעהמט מען אבער א קאנטער מיט א ריכטיגען פונט? אויף דער „דאבריניא" האט זיך געפונען א וואג שאל, אבער א געוועהנליכע באלאנס וואג שאל, דאס הייסט צווייא טעללער, אויף איינעם לעגט מען דאס געוויכט און אויף דעם אנדערן דיא זאך, וועלכע מען וויל איבערוועגען. אזא וואג שאל וואלט

ניט גענוצט דעם פראָפעסאָר, ווייל זיא וואָלט ניט געוויזען גענוי דעם אונטער־שיעד פון דער שווערקייט פון א זאַך אויף דער ערד און אויף דעם קאָמעט, א קאנטער אָבער, אָדער א וואָג שאָל מיט א שפּרינג פעדער, מיט א צונויפ־געדרעהטען דראָטה, וואָלט געוויזען פּינקטליך, ביז צום גראן דעם אונ־טערשיעד צווישען א פונט אויף דער ערד און א פונט אויף דעם קאָמעט.

וואו נעהמט מען אָבער אזא קאנטער?

— דער גרעק האָט אזא וואָג! האָט בן זוף אויסגערופען.

— דאַן געה און באָרג זיא אויס ביי איהם, האָט סערוואדאק געזאָגט צו איהם.

— ניין, לאָמיר אלע געהן זעהן, וויא דיעזער זאָנדערבארער מענש לעבט אליין אויף זיין הילצערנעם קאסטען, אָדער בארקע, האט גראף טימאשאָוו געבעטען.

— דאס איז ריכטיג, האָט סערוואדאק בעמערקט, דיעזער מענש לעבט אבגעזאָנדערט, ער ווייס גאנץ גוט, אז ביי אונז איז ווארים און דאָך בלייבט ער בעסער אויף זיין בארקע, וואו ער פריערט, ער האט דאָרט זאָגאר קיין מאַ־טעריאל מיט וואָס צו הייצען. וואָס טהוט ער דאָרט גאנץ אליין? וויא לעבט ער דאָרט גאנץ אליין?

אלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און האָבען געוואָלט אראָפּגעהן צום אלטען גרעק.

— ווארט א ווייל, האָט דער פּראָפעסאָר געבעטען, איך דארף נאָך האבען א שטיקעלע פון דער גאלליא, וועלכעס זאָל זיין א צאָלל דיא הויך, א צאָלל דיא ברייט און א צאָלל דיא לענג, מיט אנדערע ווערטער א קוביק צאָלל.

— צו וואס דארפט איהר עס, פּראָפעסאָר? האָט העקטאָר סערוואדאק געפרעגט.

— סערוואדאק פערשטעהט דאָך גאָר נישט! האָט דער פּראָפעסאָר אויס־גערופען. קוים וועל איך וויסען דעם אונטערשיעד פון דעם געוויכט פון א פונט אויף דער ערד און א פונט אויף מיין קאָמעט, וועל איך דאָך קענען אפּוועגען א שטיק פון מיין קאָמעט און אויסרעכנען וויא גרויס ער איז.

— מיין אינזשעניר טיגעלעוו וועט עס אייך בעזאָרגען, האָט גראף טימאַ־שאָוו געזאָגט.

יעצט זיינען אלע ארויסגעגאנגען פון זייער הייל. שוין מעהר אלס אכט

טעג, זייט דער פּראָפעסאָר איז געקומען צו זיך, איז קיינער פון זיי ניט אַרויס־געגאַנגען פון הייל זעהן, וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. אלע זיינען געווען נייגיעריג צו הערן עפּעס פון דעם פּראָפעסאָר, צו לערנען עפּעס פון פּראָפעסאָר. יעצט איז זייא צום ערשטען מאָל פּאָרגעקומען אַרויסצוגעהן אויף דער וועלט זעהן, וואָס עס טהוט זיך דאָרט.

עס איז געווען א פריה מאָרגען. דיא זון איז נור וואס אַרויסגעגאַנגען און האָט נור גאַנץ שוואַך בעלייכטעט דאס פערפראָרענע מעער. דיא קעלט איז געווען אזוי שטארק, אז דער הויך פון זייער מויל איז פערפראָרען געוואָרען און אראָפּגעפאַלען אויף זייערע קליידער וויא א פיינער שנעע.

ערשט יעצט האָבען זייא דערזעהן, אז אין דער צייט ווען זייא זיינען ניט געווען אין דרויסען, איז אנגעפאלען זעהר פיעל שנעע. וויא ווייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכען, האָט מען געזעהן נור שנעע און אייז. דער וואולקאַן האָט נאָך אלץ אַרויסגעוואָרפען פון זיך א זייל פייער און א טייך מיט לאַווע — געשמאָל־צענע שטיינער און מעטאַלען. דאָרט, וואו דיא לאַווא האט זיך אריינגעגאָסען אין מעער, האָט דאָס מעער געקאָכט, וויא אין א קעסעל, דיא שטארקע קעלט אָבער פלעגט באַלד פערפריערן יעדען טראָפּען וואסער, וועלכער פלעגט אַרויס־געשפּריצט ווערן פון דיעזען קעסעל, און עס האָט זיך געבילדעט ארום איהם א זאָנדערבארער בארג פון קליינע קיילעכדיגע שטיקעלעך אייז.

— וואו זיינען ערגעץ אונזערע שיפען? האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק געפרעגט.

— אָט זיינען זייא, האָט פּראָקאָפּ געענטפערט און האט געוויעזען אויף צוויי זיילען אייז און שנעע.

דער קויטען פון דער „דאָבריניא,“ איהרע זעגעלבויטער און דיא זעגעלבוי־מער פון דעם „געאָרגאָס“ האבען פאָרגעשטעלט א זאָנדערבארעס גראָסאַרטיג־שויערליכעס בילד. זייא זיינען געווען בעהאַנגען און בעדעקט מיט שנעע און אייז, וועלכע האבען געגלענצט און געפונקעלט פון דער זון, גלייך וויא זייא וואָלטען גע־ווען אָפּגעשאָטען מיט מיליאָנען בריליאַנטען.

— זעהט נור א רויך! האָט בן זוף אויסגערופען, דער אלטער גרעק הייצט זיין בארקע.

אלע האָבען זיך אומגעקוקט און האָבען געזעהן, וויא פון דעם „געאָרגאָס“ געהט אַרויס א דינער, בלויער רויך, דער אלטער גרעק האָט אלזאָ ניט געפריערט אין זיין בארקע, זאָנדערן האָט גאַנץ רעגעלמעסיג געהייצט. דאָס איז קיין

וואונדער, ווייל וויא קליין א שיף איז, מוז עס דאָך האָבען אן אויווען, וואו מען קאָכט עסען. דער גרעק האָט אלזאָ געהייצט דיעזען אויווען. וואו האָט ער אָבער גענומען הייצ־מאַטעריאל? — דאָס האָט מען ניט געקענט וויסען.

יעצט איז געווען דיא פראגע, וויא אזוי קומט מען צו צו איהם? אלעס ארום איז געווען בעדעקט מיט שנעע און אייז. בן זוף, וועלכער האָט שטארק געפֿריערט, איז אראָפּגעלאָפען צום ברעג און האָט געזוכט א וועג צום „געאָרגאָס“ ער האָט אָבער ניט געדאַרפט לאנג זוכען. דער אלטער גרעק איז געווען א פּע־הינער, טיכטינער און קלוגער מאן: ער האָט אויסגעהאקט טרעפּ אין שנעע און אייז, און האָט צו יעדער צייט געקענט ארויסגעהן פון זיין בארקע און קומען אין הייל זיך אָנוואָרעמען.

— קומט, מיינע הערדען! האָט בן זוף גערופען.

אין דיעזע מינוט אָבער איז דער אינזשעניר טיגעלעוו צו געסומען און האָט געמעלדעט, אז ער האָט קיין מעטער מאָס בייא זיך, און ווען מען קען ניט צו קומען צו דער „דאָברינינא“ וויים ער ניט, וויא אזוי אפּצומעסטען א שטיקעל שטיין פון א צאָלל דיא ברייט, דיא לענג און דיא הויך.

— וואָס זיינען דאָס פאר מענשען? האָט דער פּראָפּעסאָר אויסגערופען בייז, וויא אזוי האָט מען ניט מיט זיך א מאָס פון א צאָלל?

אזוי וויא קיינער האָט איהם ניט געענטפערט, האָט ער זיך געווענדעט צו קאַפּיטאַן סערוואדאק און האָט איהם געפרעגט:

— האָט איהר בייא זיך געלד?

— וואָס פאר א געלד? האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק געפרעגט פער־וואונדערט.

— זילבער געלד! האָט דער פּראָפּעסאָר אויסגערופען, איך דארף האָבען זילבער געלד! איך מוז האָבען זילבער געלד?

אלע האבען זיך אָנגעקוקט, קיינער האָט איהם ניט פערשטאנען, צו וואָס דער פּראָפּעסאָר דארף האבען זילבער געלד. אזוי וויא זייא האבען אָבער געוואוסט אז פּראָפּעסאָר ראָזעט שפּאסט ניט, האָט זיך יעדער א טאָפּ געטאָהן ביי דער קעשינע. קיינער האט ניט געהאט בייא זיך א גראָשען געלד. צו וואָס האָט מען געדארפט געלד אויף דער גאלליא?

— דער גרעק האָט געוויס זילבער געלד, האָט בן זוף אויסגערופען.

— דאָן קומט צום גרעק, האָט דער פּראָפּעסאָר געזאָגט ערנסט, איך זעהן

שוין אז דער גרעק איז א געלערנטער אסטראָנאָם, ווייל ער האָט אלעס, וואָס מען דארף האָבען פיר דיזע וויסענשאפט.

אויף גראף טימאשאָוו שעהנעם געזיכט האָט זיך געוויזען א זאָנדערבארער שמייכעל.

— אלזאָ קוממ צום אלטען גרעק, האָט דער פּראָפעסאָר געבעטען.

מיט שווערער מיה זיינען אלע ארויפגעגאנגען דיא טרעפּ אין אייז, וועלכע דער אלטער גרעק האָט אויסגעהאקט. בן זוף האָט גענומט האלטען דעם פּראָפעסאָר אונטערן אָרים, ווייל וויא געלערנט פּראָפעסאָר ראָזעט איז גע־ ווען, האָט ער דאָך נימ געלערנט צו קריעכען אויף גלאטע טרעפּ פון פעסטען אייז.

ענדליך איז מען דאָך אראָפּגעקומען און א זאָנדערבארעס בילד האָט זיך זייא פאָרגעשטעלט. דיא „דאָברינייא,“ וויא דער „געאָרגאָס“ זיינען יעצט גע־ שטאנען פיעל העכער פון דעם אייז אין מעער. עס איז געווען דייטליך, אז דאָס אייז האָט זייא אויפגעהויבען, ארויפגעשרויפט, ארויפגעדרעהט אָדער ארויפ־ געקוועטשט.

— דאָס איז נאטירליך, האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געזאָגט וויא צו זיך אליין, ווען וואסער ווערט פערפראָרען, ווערט עס אנפאנגס גרעסערן פערנעהממ עס אנפאנגס מעהר פּלאַץ, און דארום ווען וואסער ווערט פערפראָרען אין א גוט פערקאָרקטער פלאש, צו רייסט עס דיא פלאַש, — דיא פלאש פּלאצט שפּעטער אָבער, ווען דיא קעלט ווערט שטארקער, ווערט דאָס אייז געדיכטער, עס ציעהט זיך צונויף, עס ווערט פעסט; ווען עס געפינט זיך אין אזא אייז א זאַך, לאָמיר זאָגען, א קאסטען, א בלעכענע שאכטעל, פּרעסט און דריקט דאָס אייז אזוי שטארק, אז דער קאסטען ווערט צו בראָכען און דיא בלעכענע שאכטעל ווערט צודריקט, פלאך. א שיף ווערט אָבער געוועהנליך זעהר שטארק געבויעט און דאָס אייז, וועלכעס ציהעט זיך צוזאמען, קען עס אזוי לייכט ניט צו קוועטשען, עס טרייבט עס ארויס פון זיך. — וואָס וועט ווייטער זיין מיט דער „דאָברינייא?“ וועט עס דאָס אייז אין גאנצען ארויסקוועטשען פון זיך? — דאָס איז א פראגע.

אזוי רעדענדיג צו זיך אליין, איז ער ארויפ עקומען אויף דעם דעק פון דעם „געאָרגאָס.“ בן זוף, וועלכער פלעגט שטענדיג האלטען דאָס הויז און פיהרען דיא ווירטהשאפט פון קאפּיטאן סערוואדאָק, האָט באלד דערזעהן, אז אויף דער דעק הערשט א שטרענגע אָרדנונג. אלעס איז געווען ריין, יעדע זאַך אין

געליגען אויף איהר אָרט. עס איז געווען דייטליך, אז דער אלטער גרעק פלעגט יעדען טאָג ארבייטען אויף זיין שיף, עס רייניגען, עס אָפּרוימען פון שנעע און אייז.

אלע זיינען צוגעגאנגען צו דער טהיר פון דער הויפּט קאיוטע און בן זוף האט אָנגעקלאפּט.

— ווער איז דאָרט? וואס דארפט איהר? האָט דער גרעק געפרעגט,—איך האָב גאָר נישט!

— דער גענעראל גובערנאטאר קומט צו אייך, האָט בן זוף געענטפערט.

דער אלטער גרעק האָט געעפענט די טהיר פון דער קאיוטע און אלע זיינען אריינגעגאנגען.

— וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר? האָט דער גרעק געענטפערט מיט א וויינענדע שטימע.

— א קלייניגקייט, האָט קאפּיטאן סערוואדאק געענטפערט, באָרגט אונז אויס אויף א קורצע צייט א קאנטער.

— הערר גענעראל גובערנאטאר! האָט דער גרעק אויסגערופען, איך האָב נור איין קאנטער, א גוטען קאנטער, איך האב איהם געקויפט אין לאָנדאָן; איהר ווייסט דאָך געוויס אז די לאָנדאָנער וואָגען זיינען די בעסטע אונד ריכטיגסטע.

— עס איז א ליגען! די פּאריזער וואָגען זיינען ריכטיגער! האָט בן זוף געשריען.

— רוהיג, בן זוף! האָט קאפּיטאן סערוואדאס קאָמאנדירט.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צום גרעק און האָט געזאָגט:

— לייהט אונז אייער קאנטער אויף א פּאָאר שטונדען.

— און וואָס וועל איך האָבען דערפון? האָט דער גרעק געפרעגט. וואָס וועט זיין, ווען איהר וועט איהם צו ברעכען? איך בין אן אָרימער מאַן, איך קען דאָ, אין דיעזען לאנד, נים קויפען אנאנדערן.

— מיר וועלען אייך בעצאהלען פאר אייער קאנטער און ווען מיר וועלען איהם צוברעכען, וועלען מיר אייך גיבען, וויא פיעל איהר אליין וועט פערלאנגען האָט סערוואדאק געענטפערט.

— אָבער וואָס פאר א גאראנטיע קענט איהר מיר גיבען, אז איהר וועט מיר ווירקליך בעצאהלען? האָט דער גרעק געפרעגט.

—? גאראנטיע ? האט סערוואדאק אויסגערופען, איך דענק אז מיין ווארט איז א גוטע גאראנטיע.

— אייער ווארט איז געוויס א גאנץ גוטע גאראנטיע, אבער ווען מען מאכט א געשעפט, מוז מען איינלעגען בארעס געלד — מזומנים — איך פערלאנג א ריכטיגע גאראנטיע, וויא אנשטענדיגע קופלייטע גיבען און נעהמען אן, האט דער אלטער גרעק געענטפערט.

מען האט זיך מיט איהם אוועקגעדונגען א האלבע שטונדע און ענדליך האט מען זיך אויסגעגלייכט, אז גראף טימאשאוו זאל איהם גיבען א וועקסעל אויף דרייא מאנאטע, ביז מען וועט קענען אויסהאקען א וועג צו דער „דאבריניא,“ וואו עס האט זיך געפונען דיא קאסא פון גראף טימאשאוו, עטליכע טויזענד רוסישע געלד אימפעריאלען.

דער אלטער גרעק האט גוט פערשטאנען, אז גראף טימאשאוו'ס א וועקסעל איז פיעל בעסער און זיכערער, וויא א וועקסעל פון א פראנצויזישען אפיציער.

קוים האט מען זיך אויסגעגלייכט, איז דער אלטער גרעק פערשוואונדען געווארען אויף איינינע מינוט און האט געבראכט א גאנץ נייעם, גאנץ ריכטיגען קאנטער, א וואג מיט א טעללער פון אונטען און אויבען איז געווען א קיילעכדיגער ציפערבלאט מיט א ווייזער, וועלכער האט געוויזען דאס געוויכט פון א האלב לוים גאנץ גענוי.

פראפעסאר ראזעט האט שיער ניט געטאנצט פאר פרייד, ווען ער האט דערזעהן דיעזעס גאנץ געוועהנליכע אינסטרומענט, וועלכעס ווערט אזוי אפט בענוצט אין געוועהנליכען לעבען און פון וועלכען קיינער דענקט ניט, וויא וויכטיג עס איז פאר דיא וויסענשאפט.

— יעצט מוז איך נאך האבען פראנצויזישעס זילבער געלד, האט דער פראפעסאר געזאגט, איך מוז האבען 10 פינף פראנק שטיק, 10 צווייא פראנק שטיק און 20 האלבע פראנק שטיק.

העקטאר סערוואדאק האט געבעטען דעם גרעק, ער זאל איהם לייהען דיעזע עטליכע זילבער שטיק.

— העררר גענעראל גובערנאטאר! ווען איך לייה געלד, מוז איך דערבייא פערדיענען, האט דער גרעק געזאגט גאנץ ערנסט, אין אייראפא נעהם איך 50 פראצענט, ווען איך לייה איינעם געלד, אויף דער גאלליא פערלאנג איך 200 פראצענט.

— 200 פראָצענט! האָט בן זוף אויסגערופען, דאָס איז צופיעל! דאָס איז שרעקליך! א איד וואלט דאָך ניט פערלאנגט אזוי פיעל.

דער גרעק האָט זיך אָבער געהאלטען פעסט און האָט פערלאנגט א וועקסעל מיט פּראָצענט, גראף טימאשאָוו האָט געמוזט איהם צוליעב טאָהן און איהם גיבען א רעגעל רעכטען, גאנץ געזעצליכען וועקסעל.

ווען דער גרעק האָט בעקומען דעם וועקסעל און האָט איהם גוט בעטראכט, אום זיך צו איבערצייגען, אז ער איז אין דער בעסטער אָרדנונג, האָט ער אָפּגעצעהלט דאס זילבער געלד, וועלכעס דער פּראָפעסאָר האָט פערלאנגט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צו געקוקט צו יעדע מינטע — מטבע — וועלכע דער גרעק האָט איהם געגיבען, גלייך וויא ער וואָלט מורא געהאט דער גרעק זאָל איהם ניט געבען פאלשעס געלד. דער פּראָפעסאָר האָט אָפּגעוואויגען אי דער האנד יעדעס זילבער שטיק, האָט עס בעטראכט פון אלע זייטען און, ווען ער האָט עס געפונען פאר גוט און ריכטיג, האָט ער עס אָנגענומען.

ער האט זיך געפרעהט, וויא א קליין קינד ווען עס קריגט א שפּיעלצייג.

— יעצט האָב איך אלעס, וואָס איך דארף! האָט ער אויסגערופען.—קומט לאָמיר אויסמעסטען און איבערוועגען דיא גאלליא!

זייא זיינען צוריק געגאנגען אין הייל און דער פּראָפעסאָר האָט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. ער האָט אויסגעלעגט אויף דעם לאנגען עס טיש דיא זילבערנע מינצען, וועלכע ער האָט בעקומען פון גרעק, דאן האט ער גענומען א בויגען פאפּיער, האָט אָנגעשריעבען אויף איהם עטליכע רייהען ציפערן און האָט איהם דערלאנגט קאפּיטאן סערוואדאק מיט פאָלגענדע ווערטער:

— רעכענט עס צונויף, העקטאר סערוואדאק!

בן זוף האָט געסוקט מיט שטוינען און פערוואונדערונג, וואָס דער פּראָפעסאָר מאכט דאָ, עס האָט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז דער פּראָפעסאָר איז משוגע אָדער ער מאכט עפּעס א כישוף, אין דער וואהרהייט אָבער איז דער פּראָפעסאָר גאָר ניט געווען משוגע און אין כישוף האָט ער גאָר ניט געגלויבט. ער האָט געדארפט האָבען א גענויע מאָס און אזוי וויא ער האָט עס ניט געקענט בעקומען, האָט ער זיך דערמאָנט אז דאָס פראנצויזישע זילבער געלד ווערט געמאכט מיט א געוויסער גענויער מאָס.

אין פריינקרייך איז שוין לאנג איינגעפיהרט דאס מעטער סיסטעם: אלעס

וואס דארף געמאָסטען ווערן אין דער לענג, ווערט געמאָסטען און בערעכענט אויף דעם מעטער, זאָ, צום ביישפּיעל, ווערן שניט וואארען געקויפט און פערקויפט אויף דעם מעטער. דיא לענג פון גאסען, הייזער, גערטנער, פעלדער, וועלדער און זאָגאר דיא שטרעקע פון אן אייזענבאהן,— אלעס ווערט געמאָסטען אויף דעם מעטער, דאָס הייסט, דער אוניט, דאָס איינציגע, דיא גרונד מאָס איז א מעטער, דאן קומט 10 מעטער, 100 מעטער, 1,000 מעטער, אָדער קילאָמעטער: א שטיק לאנד האָט אזוי פיעל קילאָ מעטער, פון פאריז נאָך האוור איז אזוי פיעל קילאָ מעטער. דארף מען אָבער האבען א זאך, וועלכע איז קירצער פון א מעטער, צוטהיילט מען דעם מעטער אויף הונדערט טהייל— סענטימעטער; דארף מען האָבען נאָך א קלענערע זאך, צוטהיילט מען דעם מעטער אויף טויזענד טהייל — מיללי מעטער:

וואס איז אָבער א מעטער? וויא לאנג זאָל זיין א מעטער? קען יעדער מענש זיך מאכען א מאָס און עס א נאמען גיבען מעטער? — דאס ניט! א מעטער איז א גאנץ גענויע און א גאנץ ריכטיגע מאָס, ווייל א מעטער איז איין מילליאָנטהייל פון א פיערטעל פון דער ערד, גערעכענט פון עקוואטאר ביז צום פאָל, מיט ציפערן אויסגעשטעלט, קומט עס אויס $\frac{1}{1,000,000}$ פון דעם קוואדראנט.

דאס מעטער סיסטעם איז אזוי שטרענג אין פראנקרייך, אז יעדע מינצע, יעדע מטבע, מוז זיין אזוי פיעל און אזוי פיעל מיללימעטער — טויזענט עלמעטער דיא ברייט, דאָס הייסט דער דיאמעטער — אלכסון, פון א מינצע איז לאנג אזוי פיעל און אזוי פיעל מיללימעטער.

דער פראָפעסאָר האָט דאס גאנץ גוט געוואוסט און האָט אויסגעלעגט דיא מטביעות איינע לעבען דער אנדערער, ביז ער האט בעקומען פונקט א מעטער.

— אָט האָבען מיר פונקט א מעטער פון דער ערד! האָט ער אויסגערופען פול פרייד. יעצט נעהמט א פאָדים און לענט איהם צו צו דיעזע מינצען, וועט איהר בעקומען א גענויעס און פונקטליכעס מאָס פון א מעטער.

אזוי וויא בן זוף האָט עס ניט פערשטאנען, האָט איהם סערוואדאק נעוויזען, אז נאָך דיא פראנצויזישע געזעצע דארף זיין דער אלכסון — דיא ברייט פון א 5 פראנק שטיק 37 מיללימעטער, א צווייא פראנק שטיק דארף זיין דיא

ברייט 27 מיללימעטער, א האלבער פראנק מוז האָבען דיא ברייט פון 18 מיללימעטער.

ווען בן זוף האָט פערשטאנען, וויא איינפאך, און וויא גענוי מען קען וויסען דיא לענג פון א זאך דורך דאָס פראנצויזישע זילבער געלד, האָט ער אויסגערופען:

— יעצט פערשטעה איך, וואָס עס הייסט זיין א געלערנטער!

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען' מוז מען זיין א געלערנטער אום צו קענען דיא מינצען פון זיין לאַנד? — דאס וויס דאָך א קינד!

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אוועקגעקעהרט פון בן זוף און האָט זיך געווענדעט צו דיא איבעריגע.

— יעצט, מיינע הערדען, וועלען מיר בעשטימען א געוויכט, האָט ער געזאָגט, — איהר ווייסט געוויס, אז יעדע פראנצויזישע מינצע מוז האָבען א געוויעס און פּינקטליכעס געוויכט. אין פראנקרייך קויפט מען און פערקויפט מען אלע שווערע זאכען אויף דאָס קילאָגראם, אָדער טויזענד גראם. איהר ווייסט געוויס אז איין גראם הייסט א זאך, וועלכעס איז אזוי שווער, וויא פיעל וואסער עס קען אריינגעהן אין א כלי, וועלכעס איז א צעהנטעל מעטער דיא לענג, א צעהנ־טעל מעטער דיא ברייט און א צעהנטעל מעטער דיא הויך. דאס איז איין גראמם, טויזענד מאָל אזוי פיעל איז א קילאָגראמם. א פראנצויזישעס פינף פראנק שטיק זילבער מוז וועגען 25 גראמם, און דאָס זילבער געלד, וועלכעס איך האָב גענומען ביים גרעק, וועגט פונקט איין קילאָגראמם, אָבער דיעזעס קילאָ־גראמם וואכט געוואוינען אויף דער ערד. יעצט לאָמיר פּראָבירען עס אָפּוועגען אויף דער גאלליא און מיר וועלען וויסען גענוי און אקוראט, וויאפיעל ער וועגט ווענינער אויף דער גאלליא.

ער האָט צוריסען זיין טאשענטוך, האָט אין איין שטיקעל איינגעבונדען דיא פראנצויזישע מינצען און האָט זייא צוגעבונדען צום קאנטער.

— זעהט, מיינע הערדען! האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען פול פרייד, —דיעזע מינצען, וועלכע וואָלטען אויף דער ערד געוואוינען טויזענד גראמם, אָדער א קילאָגראמם, וועגען דאָ נור 133 גראמם! אלזאָ כמעט איין זיעבעטעל פון א קילאָגראמם. וואס קענט איהר דערפון לערנען?

— אז יעדע זאך אויף דער גאלליא וועגט זיעבען מאָל וועניגער, וויא זיא וואָלט געוואויגען אויף דער ערד, האָט סערוואדאק געענטפערט.

— דאָס איז דאָך אינטערעסאנט! האָט בן זוף אויסגערופען.

— אינטערעסאנט? האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען בייז, — וואָס איז דאָס פאר א מענש? — דאָס הייסט בייא איהם אינטערעסאנט? — דאָס הייסט לערנען, קענען, פערשטעהן, וויסען!

— אכזאָ ווייסט איהר שוין, וויא פיעל דיא גאלליא וועגט? האָט בן זוף געפרעגט.

— נאָך ניט, האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט, יעצט מוז איך האָבען א שטיק שטיין פון דער גאלליא, וועלכעס זאָל זיין א סענטימעטער דיא לענג, א סענטימעטער דיא ברייט און א סענטימעטער דיא הויך, קורץ, א קוביק סענטימעטער.

אזוי וויא מען האָט געהאט א געגויעס מאָס פון א מעטער, איז געווען לייכט צו בעקומען א שטיקעל שטיין פון א קוביק סענטימעטער. עס איז צוואר געווען אביסעל גרעסער, אָבער מען האָט עס ארומגעהאקט און געמאכט פונקט א קוביק סענטימעטער.

— יעצט לאָמיר עס אָפּוועגען, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, מיר קענען עס לייכט בערעכענען, וויא פיעל עס וואָלט געדארפט וועגען אויף דער ערד, ווען עס וואָלט געווען זילבער, ווייל דיא 10 פינף פראנס שטיק וועגען פונקט אזוי פיעל, ווען מען זאָל זייא צושמעלצען און מאכען פון זייא א פיערעקיג שטיק זילבער.

דער פּראָפעסאָר האָט אָפּגעוואויגען דיא פינף פראנק שטיק, דאן דאס שטיק שטיין פון דער גאלליא, דאן האָט ער גערעכענט איינינגע מינוט, האָט פּער־גלייכט דעם שטיין מיט דיא מינצען, האָט זיך גוט צוגעקוקט צום שטיין אונד האָט אויסגערופען:

— ווייסט איהר, וואָס פאר א שטיין דאָס איז?

אזוי וויא אלע האבען געשוויעגען, האָט ער עס אליין ערקלערט:

— אונזער גאלליא בעשטעהט פון 70 פּראָצענט טעללוריום און 30 פּראָצענט גאָלד. נאט! רעכענט אוים!

— וואָס איז טעללוריום? האָט בן זוף געפרעגט.

— טעללוריום איז א זעהר זעלטענעס מעטאלל, האָט דער פּראָפעסאָר ערקלערט, מען געפינט עס זעהר זעלטען אליין, מייסטענס איז עס אויסגעמישט

מיט גאָלד אָדער זילבער. מענשען, וועלכע געהן גראָבען גאָלד, ווייסען גאַנץ גוט, אז דאָרט וואו מען געפינט טעללוריום, מוז זיך געפינען גאָלד אָדער זילבער. — מיין קאָמעט בעשטעהט אָבער פון גאַנץ ריינעם טעללוריום און פון גאַנץ ריינעם גאָלד.

— אלזאָ קענען מיר גראָבען גאָלד? האָט בן זוף געפרעגט.

— וויא פיעל איהר ווילט! האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט, אויף מיין קאָמעט געפינט זיך מעהר גאָלד וויא אין אויסטראליען, מעהר גאָלד, וויא אין קאליפאָרניען, מעהר גאָלד, וויא אויף דער גאַנצער ערד.

— וואס ווערט אָבער דער פון? האָט בן זוף געזיפצט, וואס טויג מיר דאָס גאַנצע גאָלד פון דער גאַלליא, ווען איך קען ניט זיין אין מיין פּאַריז? איך וואָלט אוועק געגעבען דאָס גאַנצע גאָלד פון דער גאַלליא פאָר דיא איינפאכע פּלאסטער שטיינער פון דיא ק נאסען פון פּאַריז.

דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען פאר צאָרן און פערדראָס:

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? האָט ער אויסגערופען, מיר געפינען זיך צווישען דיא העכסטע שטערן, מיר זיינען אויף א קאָמעט און קענען יעצט אויס־שטודירען דיא גאַנצע מאשינעריע פון הימעל, און ער וויל גאָר ארומגעהן אין דיא גאסען פון פּאַריז?

— אין דיא גאסען פון פּאַריז איז אָבער פרעהליך, האָט בן זוף געזאָגט שטילערהייט.

7טעס קאַפּיטעל.

קאלט! אלעס ווערט טהייער.

בן זוף האָט מעהר ניט געוואָלט לערנען ביים פּראָפעסאָר. עס איז איהם שווער געוועזן צו מאכען דיא גרויסע רעכנונגען, וועלכע דער פּראָפעסאָר פלעגט פאָרלעגען פאר זייא, דער פאר אָבער פלעגען גראף טימאשעוו, שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ, אינזשעניר טינעלעוו און העקטאָר סערוואדאק ניט אָפּטרעטען פון איהם און שלינגען יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט זייא געזאָגט און ערקלערט.

איין מאָל האָט בן זוף בעגעגענט קאַפּיטאַן סערוואַדאַק אין דרויסען אונד האָט געזאָגט צו איהם פרייא און אָפען:

— וואָס טויג אייך צו מאַכען דיא לאַנגע רעכענונגען פון דעם געלערנטען פּראָפעסאָר? פאַר וואָס טראַכט איהר בעסער ניט, וויא צוריק צו פאָהרען נאָך פּאַריז?

— נאַרר וואָס דוא ביסט! האָט סערוואַדאַק געענטפערט, פערשטעהסט דוא דען ניט, אז נור דיעזער געלערנטער מאַן קען אונז העלפען? זעהסט דוא דען ניט, אז נור דורך זיין וויסענשאַפט קענען מיר האָפען נאָך א מאָל צו קומען א היים?

בן זוף האָט פערביסען מיט דיא ליפּען און האָט געשוויגען. —

אונטערדעסען איז עס געוואָרען קעלטער און קעלטער. דאָס קוועק זילבער אין טהערמאָמעטער איז פערפראָרען געוואָרען און האָט שוין ניט געוויזען, וויא פיעל גראַד קעלט עס איז, מען האָט געמוזט געהמען א טהערמאָמעטער פון אַלקאָהאָל — שטאַרקען ספּיריטוס, וויל קוועק זילבער ווערט פערפראָרע בייא א קעלט פון 45 גראַד, אַלקאָהאָל אָבער ווערט פערפראָרען ערשט בייא 75 גראַד קעלט.

עס איז געוואָרען אַזוי קאַלט, אז דער אַלטער גרעק האָט שוין ניט געקענט אויסהאַלטען אין זיין באַרקע און האָט זיך געבעטען, אז מען זאָל איהם לאָזען שלאָפען אין הייל, וואו עס איז געוועזן וואַרם.

דיא צייט איז פערגאַנגען שנעל, עס איז געקומען דער 31טער דעצעמבער, אָדער פּונקט א יאָהר, זייט אונזערע רייזענדע אין אונבעקאַנטע געגענדען האָבען זיך געפונען אויף דער גאַלליא.

— מאָרגען איז ניי יאָהר, האָט קאַפּיטאַן סערוואַדאַק געזאָגט צו בן זוף, מיר דאַרפען ניט פערגעסען, אז מיר קומען פון דער ערד, וואו מען האַלט ניי יאָהר פאַר א פייערטאָג. מיר מוזען מאַכען א מאָלצייט און א באַלל.

— איך וועל עס שוין בעזאָרגען, האָט בן זוף געענטפערט.

דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה איז שוין פערטיג געוועזן א גראָסאַרטיגעס עסען, וויא עס, פּאַסט פאַר ניי יאָהר. קאַפּיטאַן סערוואַדאַק האָט אָפּגערעדט מיט גראַף טימאַשאָוו, אז היינט אַלס ניי יאָהר זאָל מען אָפּעסען גאַנץ פריה, דאַן זאָלען אַלע מאַכען א שפּאַציער אויף דעם אייז.

ווען עס איז נור טאָג געוואָרען, האָט מען זיך געזעצט צום טיש. קאַפּיטאַן

סערוואדאק האָט געשיקט דעם קליינעם פאַבלאָ רופען דעם פּראָפעסאָר צום טיש ווייל היינט איז ניי יאהר. דער קליינער פאַבלאָ איז באלד צוריקגעקומען און האָט געזאָגט:

— דער פּראָפעסאָר וויל ניט קומען צום טיש, ער זאָגט, היינט איז גאָר דער צווייטער טאָג אין מאָנאט יוני ביי איהם איז היינט ניט ניי יאהר.

— נון, לאָז ביי איהם היינט זיין דער צווייטער יוני, ביי אונז איז עס ניי יאהר, האט גראף טימאשאָוו געזאָגט, ביי אונז, רוסען, איז דער ניי יאהרס טאָג, „גאָווי גאָד,“ וויא מיר רופען עס, א הייליגער טאָג, א פייער טאָג, מיר מוזען איהם האלטען הייליג און איהם פייערן מיט געזאַנג און טאַנץ.

מען האט זיך געזעצט צום טיש אָהן דעם פּראָפעסאָר און גראף טימאשאָוו האָט געהייסען גיבען יעדען א גוטען שנאפּס. ער האָט נאָך געהאָט איינינע הונדערט פלעשער קאָניאַס אויף דער „דאָבריניא“ און ער האָט געוואָלט האַלטען דיא אַלטע רוסישע זיטע (מנהג) אז אין דיעזען טאג דארף יעדער זיין פרעהליך.

נאָך דעם עסען האָט גראָף טימאשאָוו און קאַפּיטאַן סערוואדאק געהייר סען אלעמען זיך אנטאָהן ווארים און געהן אביסעל זיך גליטשען אויף דעם אייז. קיין בעסערעס פערגניגען האָט מען זיך אויף דער גאַלליא ניט געקענט פערשאפען.

יעדער האָט זיך אָנגעטאָהן אזוי ווארים, וויא ער האט נור געקענט; יעדער האָט מיטגענומען זיינע שליט שוה, ווען ער האָט נור געהאט א זעלבע, און מען איז ארויס געגאנגען אויפ'ן אייז. דער קליינער פאַבלאָ האָט זיך גוט איינגע־הילט און איז אויך מיטגעגאנגען, נור דיא קליינע נינא איז געבליעבען אין דער היים.

עס איז געוועזן א רעכט קאלטער, אָבער שטילער טאָג. דיא זון האָט געשיינט, אָבער אזוי דונקעל, אז מען האָט קוים געזעהן ביי איהר ליכטיגקייט הונדערט שריטע ווייט, דערפאר אָבער האָבען געלייכטעט און געגלענצט פיעלע שטערן, וועלכע מען זעהט קיין מאָל ניט אויף דע וע

פון צייט צו צייט פלעגט אויף דער וואולקאַן ארויסווארפען גארבען פייער, וועלכע פלעגען בעלייכטען דיא גאנצע געגענד מיט א זאָנדערבארעס רויט־ליכעס ליכט.

אזוי וויא מען האָט זיך גוט אנגעגעסען און מען האָט נאָך דערביי געחאפּט

א נוטען שלינג קאניאק, איז מען געוועז פרעהליך און מען האט זיך וועניג אומגעקוקט צום וואולקאן און וואס עס טהוט זיך מיט איהם.

גלימשען זיך איז א פערגניגען און א רעכט אנגענעהמעס פערגניגען: מען לאכט דערביי, מען שפאסט, מען בעוועגט זיך, עס ווערט ווארים, יעדער וויל בעווייזען זיינע פעהיגקייט, זיין קראפט און זיין קונסט.

עס איז דאהער גאר קיין וואונדער, וואס דיא אנוואוינער פון דער גאלליא האבען זיך אזוי פערגעסען, אזוי אפגעגיבען מיט זייער פערגניגען, אזוי לאנג זיך אמוזירט, אז זייא האבען פערגעסען אלעס אין דער וועלט און האבען זיך זאגאר גיט אומגעקוקט, וואו זייא זיינען ערגעץ אין דער וועלט זייא האבען זאגאר ניט בעמערקט, וויא דיא זון איז אונטערגעגאנגען, ערשט ווען עס איז געווארען פינסטער, האבען זייא זיך דערמאנט אז מען דארף שוין א היים געהן. ערשט יעצט אבער האבען זייא זיך אומגעקוקט, אז זיי זיינען וויט פון דער היים און אין דער פינסטער וויסען זייא ניט וואוהין צו געהן.

א יניגע מינוטען זיינען אלע געבליעבען שטעהן און האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען.

— וואו איז דער וואולקאן? האט איינער געפרעגט. ווען מיר וועלען זעהן דיא גארבען פייער, וועלכע ער ווארפט ארויס, וועלען מיר דאך וויסען, וואוהין צו געהן.

מען האט געקוקט אין אלע זייטען און מען האט ניט געזעהן קיין וואולקאן און קיינע גארבען פייער.

— וואס איז דאס? האט איינער געפרעגט דעם אנדערן, וואו איז דער וואולקאן? זיינען מיר אזוי וויט אוועק פון דער היים, אז מיר קענען איהם שוין ניט זעהן?

— צוריק! האט קאפיטאן סערוואדאק קאמאנדירט, לאמיר געהן צוריק נאך דיא שפורען אין אייז, וועלכע מיר האבען געמאכט מיט אונזערע שליט שוה.

אזוי וויא דיא שטערן אין הימעל האבען געגלענצט און געפונקעלט גאנץ העל און אזוי וויא מען האט זיך צו ביסעלסוויים צו געוואוינט צו דער פינסטערניס, איז עס ניט שווער געוועז אויסצוגעפינען דיא שפורען אין אייז, וועלכע מען האט געמאכט מיט דיא אייזערנע שליט שוה, מען האט אבער געמוזט געהן זעהר

לאנגזאם און זעהר פאָרזיכטיג. מען האָט מורא געהאט, איינער זאָל ניט בלייבען הינטערשטעליג און זאָל ניט פערבלאָנזעט ווערן.

מען האָט אלזאָ געמוזט געהן זעהר לאַנגזאם און זעהר פאָרזיכטיג. דיא סעלט איז אָבער געוואָרען שרעקליך, אונערטרעגליך. יעדער האט געמוזט טאנ־ צען און שפּרינגען אום זיך צו דערווארעמען. יעצט האָט מען שוין געטאנצט ניט צום פערגניגען, זאָנדערן אויס נאָטהווענדיגקייט.

— וואו איז שוין דער וואולקאַן? וואו איז אונזער ווארעמעס קווארטיר? האָט מען געפרעגט און אויסגערופען פון אלע זייטען.

ענדליך נאָך א לאַנגער, שווערער אונאנגענעהמער רייזע, איז מען צוגעקר מען צום בארג. ביים שוואכען שיין פון דיא שטערן האָט מען דערקענט דעם אָרט, וואו עס זיינען געשטאנען דיא שיפען „דאָברינג־א‟ און „געאָרגאָס.‟ מען האָט אויך געפונען דיא טרעפּ צו דער הייל......

— אָבער וואו איז דער וואולקאן? פאר וואָס זעהט מען ניט זיין פייער? האָט מען געפרעגט.

מען האָט אָנגעהויבען זיך צו צו הערן: אין דעם אָרט, וואו דיא לאַווא פון וואולקאַן פלעגט אריינפאלען אין מעער, פלעגט עס שטענדיג קאָכען און זידען און מאכען אזא גערויש, אז מען האָט עס געקענט הערן פאר א מייל; יעצט איז אלעס געווען שטיל, רוהיג, טויט.

— וואו איז דיא לאַווא? פאר וואָס קאָכט זיא ניט? האָט מען געפרעגט.

אויף דיעזע פראגע האָט קיינער ניט געענטפערט.

— א היים! אין אונזער הייל! האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק קאָמאנדירט.

אלע זיינען ארויפגעקראָכען אויף דיא טרעפּ, מען איז אריינגעקומען אין הייל.

— אלעס איז געשטאנען אויף דעמזעלבען אָרט, וויא מען האָט געלאָזען: אלעס איז, דאכט זיך, געווען אין דער בעסטער אָרדנונג, אָבער ביז אהער ווען מען פלעגט אריינקומען אין הייל, פלעגט א זעץ טאָהן דיא היץ אין געזיכט, יעצט אָבער איז אלעס געווען קיהל. מען האָט צוואר געפיהלט, אז אין דער הייל איז ווארעמער, וויא אין דרויסען, אָבער ניט הייס, וויא ביז אהער.

— וואס איז דאָס? וואָס איז דאָ פארגעקומען אין דער צייט, ווען מיר זיינען ניט געווען אין דער היים? האָט קאַפּיטאַן סערוואדאַק געפרעגט.

— מיר דאכט, אז אונזער וואולקאן איז פערלאָשען געוואָרען, האָט שיפס־ קאַפּיטאַן פּראָקאָפּ געענטפערט טרויעריג.

אלע האָבען אראָפּגעלאָזען דיא קעפּ. יעדער האָט פערשטאנען, אז פּראָקאָפּ האָט רעכט. זעהר זעלטען מאכט זיך עס, אז א וואולקאן זאָל שטענדיג ארבייטען. ער שפּייט מיט פייער נור א געוויסע צייט, דאן רוהט ער זיך אָפּ; זעהר אָפט מאכט זיך, אז ער ווערט אין גאנצען פערלאָשען: ער האָט שוין אויסגעשפּיענען אלעס וואס ער האָט געהאַט אין זיך. עס מאכט זיך אויך, אז א וואולקאן זאָל שפּייען מיט פייער עטליכע יאהר נאכאנאנד, דאן זאָל ער זיך אָפּרוהען 10 — 50 און זאָגאר הונדערט און צווייא הונדערט יאהר.

קאפּיטאן סערוואדאק, גראף טימאשאָוו און שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ האָבען עס זעהר גוט געוואוסט. זייא האָבען אָבער געוואָלט זיך איבערצייגען און זיינען צו גיגאַנגען ביז צום ענדע פון דער גאללעריע, ביז צו דעם אָרט, וואו דיא היץ פלעגט זיין אזוי שטארק, אז עס איז אונמעגליך געוועזען דאָרט צו שטעהן לענגער פון צווייא מינוט. יעצט איז דאָרט נאָך געוועזען גוט ווארים, אבער ניט הייס. עס איז געוועזען אנגענעהם ווארים, מען האט דאָרט געקענט שטעהן און זיך אָנווארעמען, מען האָט אָבער קיין היץ געפיהלט.

— אונזער וו ולקאן איז אויסגעלאָשען געוואָרען, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט ווייא צו זיך אליין, וואָס וועט ווייטער זיין? — ווערען מיר אלע אומקומען פון סעלט?

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. בייא יעדען איז געליגען אויף דער צונג דיא ווערטער:

— מיר מוזען פרעגען דעם פּראָפעסאָר,

אבער קיינער האט עס ניט ארויסגעזאָגט, וויל קיינער האָט ניט געוואָלט אויפצו וועקען דעם פּראָפעסאָר, מען האָט געוואוסט, אז ער ארבייטעט דעם גאנצען טאָג און ער מוז זיך אויסרוהען אייניגע שטונדען.

— מיר מוזען אונטערזוכען און אויספאָרשען אלע געגנג און אלע גארעיעןן פון אונזער וואולקאן, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט, נאָך מיינער מיינונג איז דער וואולקאן יעצט, וויא א מענש, וועלכער שטארבט: לאנגזאם, טריט בייטריט, געהט אוועק דאָס לעבען און דיא ווארימקייט פון איהם. איך דענק, אז אין דער מיט פון דעם וואולקאן, אין זיין קראטער, אין דעם קוימען, פון וואנען דאס פייער פלעגט ארויס געוואָרפען ווערן, דארף נאָך זיין ווארם און וועט נאָך זיין ווארם א לאנגע צייט. עס קען זיין, אז דאס פייער איז נור קלענער געוואָרען אָבער עס איז נאָך ניט פערלאָשען.

זיך אונטערהאלטען דיא גאנצע נאכט. פון שלאפען איז קיין רעדע געווען. דיא רוסען און דיא שפאניער, וועלכע זיינען געווען זעהר מיעד פון זייער שפאציער גאנג, האבען זיך צוואר געלעגט שלאפען און זיינען אויך אנטשלאפען געווארען, אבער דיא קעלט האט זייא אויפגעוועקט. עס איז געווארען מיט יעדער שטונדע קיהלער און סיהלער, און ווען עס איז טאג געווארען און דיא שיין פון טאג האט אנגעהויבען אריינצוקומען דורך דיא שפאלטען און לעבער פון דעם שטיין, איז אין איניגע ערטער שוין געווארען אזוי קאלט אז עס איז אונמעגליך געווען צו שלאפען.

דיא קעלט האט אויך אויפגעוועקט פראפעסאר ראזעט און ער איז געלאפען צום קראטער זיך אנווארעמען.

— פראפעסאר, אונזער וואולקאן איז פלוצלונג פערלאשען געווארען! האט קאפיטאן סערוואדאק אויסגערופען.

— איך גלויב ניט, אז ער איז אויסגעלאשען געווארען, האט דער פראפעסאר געענטפערט גאנץ רוהיג, דאס פייער איז קלענער געווארען, עס פעהלט איהם ברען מאטעריאל, אבער אין אזא יונגען קאמעט, וויא דיא גאלליא איז, מוז זיך נאך געפינען גענוג מאטעריאל צום ברענען.

— אבער וואס טהוט מען? עס איז דאך קאלט! האט סערוואדאק אויסגערופען.

— מיר מוזען אראפגעהן אין קראטער, אין בויך פון דעם וואולקאן, האט דער פראפעסאר געענטפערט, — איבריגענס, קען איך איבערטראגען קעלט, מיר זיינען געשיצט פון א צו שטארקער קעלט דורך דיא דיקע מויערן פון אונזער הייל.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועק געגאנגען צו זיין טעלעסקאפ קוקען אויף דיא שטערן און אויסרעכענען וואו דיא גאלליא געפינט זיך יעצט.

עס איז געווען דייטליך, אז זא לאנג דער פראפעסאר קען נאך שטעהן לעבען זיין טעלעסקאפ און קוקען אויף דיא שטערן, קימערט איהם ווייניג, וואס עס איז קאלט.

— עס העלפט ניט, מיר מוזען זיך אראפלאזען אין קראטער, אין קוימען פון דעם וואולקאן, האט שיפסקאפיטאן פראקאפ געזאגט, דאס איז דער וויל אונזער איינציגע רעטונג.

אזוי וויא קיינער האָט איהם ניט געענטפערט, האָט ער געהייסען זיינע מאטראָזען זיך נעהמען צו דער ארבייט: מאכען א וועג אין קראטער.

דער קראטער אָדער דער קוימען פון דעם וואולקאן איז געוועזן א גרויסע, כמעט גאנץ קיילעכדיגע און גאנץ גלאטע רעהר, וועלכע האָט געפיהרט גאנץ טיעף אין דער ערד. פון דער היץ און פון דיא שטיינער, וועלכע דער וואולקאן פלעגט שטענדיג ארויסוואַרפען, זיינען דיא ווענט געוואָרען אזוי גלאט, אז א פליעג וואָלט ניט געקענט אראָפּקריעכען אויף זייא, — זיינען געווען וויא געשליפען אונד פאָלירט. זאָ לאנג דער וואולקאן האָט געשפּיען מיט פייער, איז עס געווען אונמעגליך צו צוקומען גאנץ נאָהענט און צו בעטראַכטען דיעזען קוימען, יעצט האָט מען געקענט זעהן גאנץ דייטליך א קיילעכדיגען, זעהר טיעפען ברונען מיט שווארצע ווענט.

— מיר מוזען אויסהאקען טרעפּ אראָפּצוגעהן, האָט שיפסקאפּיטאן פראָקאָפּ געזאָגט, אזוי וויא דיא גאלליא בעשטעהט אָבער פון טעללירויום און גאָלד, א זעהר הארטעס מעטאל, מוזען מיר בענוצען פולווער אום אויפצורייסען דיא נעטהיגע טרעפּ.

ער האָט אלזאָ געהייסען זיינע מאטראָזען ברענגען פולווער און זיך נעהמען צו דער ארבייט. ער אליין איז געשטאנען דער ביי און האָט מיט געהאָלפען און געוויעזען זיינע מענשען וויא אזוי צו ארבייטען.

דאָס איז אבער געווען א שווערע, לאנגזאמע און זעהר ערמיעדענדע ארבייט, ווייל דאָס טעללירויום און דאָס גאָלד זיינען אזוי פערהארטעוועט געוואָרען פון דער היץ פון וואולקאן, אז דאָס פולווער האָט אויפגעריסען נור גאנץ קליינע שטיקעלעך. אכט טאָג נאכאנאנד האָבען דיא רוסישע מאטראָזען געארבייטעט שווער און ביטער אום אויסצוברעכען א וועג פון הונדערט טרעפּ טיעף אין וואולקאן.

אזוי וויא עס איז געוואָרען אין דער הייל אלע טאָג קעלטער, זיינען דיא שפּאניער און זאָגאר דער אלטער גרעס אליין געקומען און האָבען געבעטען, מען זאָל זיי ערלויבען מיט ארבייטען אום זיך אנצו ווארעמען.

יעצט האָט מען געמוזט אויסברעכען א הייל, א פלאץ, וואו מען זאָל קענען שלאָפען, ווייל אין דער הייל אויבען איז שוין געוואָרען אזוי קאלט, אז עס איז געווען אונמעגליך צו שלאָפען. דאָס האָט וויעדער גענומען אכט טאָג צייט

דערבײַ האָט מען זיך איבערצײַגט, אַז וואָס טיעפער מען [illegible] אראָפּ, אַלץ וואַרימער איז עס.

— וואָס וועט זײַן דאָס ענדע? וויא טיעף קענען מיר נאָך געהן? האָט גראַף טימאַשאָוו געפרעגט זיך אַליין. — ווען עס וועט ניט געשעהען אַ וואונדער, זיינען מיר אַלע פערלאָרען: מיר וועלען אויסשטאַרבען פון הונגער און קעלט.

— זייט ניט אַזוי פערצווייפעלט, גראַף, האָט קאַפּיטאַן סערוואַדאַק אויסגערופען, „דיא נויט איז דיא מוטער פון אַלערלייא ערפינדונגען,“ וואָס גרעסער דיא נויט איז אַלץ מעהר שטרענגט זיך אָן דער גייסט פון מענשען און זוכט מיטעל וויא צו לעבען. מיר ווייסען, אַז עס לעבען מענשען אין דיא קאַלטעסטע געגענדען אויף דער ערד, עס לעבען אויך מענשען אין דיא הייסעסטע געגענדען, אַלזאָ דער מענש קען זיך צו געוועהנען און צו פּאַסען צו יעדען קלימאַט און צו אַלע שווערע אומשטענדע.

אונטערדעסען איז געוואָרען קעלטער און קעלטער, מען האָט געמוזט ווײַטער אויסהאַקען טרעפּ אין קראַטער און זיך אַראָפּלאָזען ביז דרײַ אַ הונדערט פוס טיעפער. מען האָט צוואַר דאָרט געפונען אַ פערטיעפונג, אַ סאָרט הייל וואו עס איז נאָך געוועזען אַזוי וואַרם, אַז מען האָט געקענט שלאָפען אָהן אַ צודעקעניץ, דערפאַר אָבער איז זעהר שווער געוועזען צו בעקומען וואַסער אונד מען פלעגט מוזען ברענגען שנעע און אײַז, עס לאָזען צו געהן און עס געברויכען.

דאָס טרויריגסטע איז געוועזען, וואָס מען האָט יעצט געמוזט שלאָפען אַלע צוזאַמען און גאַנץ נאָהענט אײנער לעבען אַנדערן. אויבען אין הייל האָט יעדער געקענט האָבען אַ בעזונדערן פּלאַץ צו שלאָפען, אַ בעזאָנדערע גאַלעריע פאַר זיך דיא גאַנצע הייל איז געוועזען צו לעבערט, וויא אַ ביענשטאָק, וואָס ניעדעריגער אָבער מען איז געקומען, אַלץ ענגער איז עס געוואָרען.

מען זאָגט, אַז אַלע מענשען זײַנען גלײַך, און דאָס איז אויך וואָהר, אָבער נור אין אַ געוויסער בעציעהונג. וויא גלײַך דיא מענשען זײַנען, קענען דאָך ניט יעדע צווייא מענשען שלאָפען אײנער לעבען אַנדערן. גראַף טימאַשאָוו האָט דאָך ניט געקענט שלאָפען לעבען דעם שמוציגען גרעק אָדער לעבען דיא שמוציגע שפּאַניער. עס איז געוועזען אַ פּלאָגע, וועלכע לאָזט זיך ניט בעשרייבען מיט טרוקענע ווערטער.

ענדליך אין א שעהנעם פריה מארגען, דאס הייסט, ערגעץ אנדערש וואלט עס געווען א שעהנער פריה מארגען, איז דער פראפעסאר אויפגעשטאנען גאנץ פריה, איז צוגעלאפען צו זיין טעלעסקאפ, האט געקוקט איינינע מינוט, דאן האט ער אנגעהויבען צו רעכענען און ווען ער האט עפעס אויפגערעכענט, האט ער אויסגערופען פול פרייד:

— מיין קאמעט איז יעצט 220,000,000 מיילען ווייט פון דער זון? ער האט דערגרייכט זיין אפהעליאן!

אפהעליאן הייסט דיא גרעסטע ווייטקייט פון דער זון, פון יעצט אן אלזא וועט דער קאמעט זיך אומקעהרען און וועט קומען נעהנטער צו דער זון, עס וועט אלזא ווערן העללער, ליכטיגער און ווארימער.

דיעזע נאכריכט האט אריינגעגאסען נייעס לעבען און פרישען מוטה אין אלע הערצער. דיא שפאניער און דיא רוסישע מאטראזען האבען עס צוואר ניט פערשטאנען און מען האט געמוזט זיי ערקלערן, אז אזוי וויא אין ווינטער אויף דער ערד איז דא א געוויסער טאג, וועלכער איז דער קורצעסטער, דער יום הקצר, קורץ פרייטאג, וויא מען רופט עס, פון דיעזען טאג אן ווערן דיא טעג גרעסער, דיא נעכט קלענער און עס מוז ווערן ווארימער, אזוי איז עס אויף דער גאלליא. היינט איז אלזא דער קורצעסטער טאג, פון היינט אן וועט דיא זון שטעהן לעננער אויף'ן הימעל און עס וועט אנהייבען צו ווערן העלער, ליכטיגער און ווארימער.

דאס איז ווירקליך געווען א גוטע נאכריכט, אבער שיפסקאפיטאן פראקאפ און גראף טימאשאוו האבען גוט געוואוסט, אז מען האט זיך נאך ניט מיט וואס צו פרעהען: אלס רוסען האבען זייא גוט געוואוסט, אז געראדע יעצט הייבט זיך אן דיא ערגסטע צייט. דיא ערפאהרונג האט געלערנט, אז גע־ראדע ווען דער טאג הייבט אן צו ווערן גרעסער און דיא זון קומט אימער נעה־ענטער, געראדע דאמאלס קומען פאר דיא גרעסטע שנעע שטירמע און דיא שטארקסטע קעלטען. ווער עס האט געוואוינט אין א קאלטער געגענד, דער וויים, אז אין פעברואר קומען פאר שטארקערע פרעסט, וויא אין דעצעמבער און אין מאנאט מערץ מאכען זיך אפט מעהר שנעע שטירמע, וויא אין יאנואר. דאס איז א געזעץ פון דער נאטור, מען קען אלזא ערווארטען, אז אויף דער גאלליא וועלען זיך ערשט יעצט אנהויבען שרעקליכע קעלטען און אונגעוועהנליכע שטורמווינדען מיט שנעע און פראסט.

4

אזוי האָט עס אויך פּאַסירט. אין מאָנאַט פעברואר איז די קעלט געוואָרען אזוי שטארק אז מען האָט געמוזט זיך אראָפּלאָזען נאָך טיעפער אין קראַטער פון דעם וואולקאַן אום צו קענען אויסהאַלטען די קעלט.

אזוי ווי די אָקסען און שאָף, וועלכע מען האָט ניט געקענט מיטנעהמען אין קראַטער, האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די קעלט, האָט מען געמוזט זיי אלע אויסשלאַכטען און זייער פלייש לאָזען פערפרוירען ווערן, ביז עס איז געוואָרען הארט ווי א שטיין.

דאס ערנסטע אָבער, וואָס זיי האָבען געהאַט יעצט צו ליידען, איז געווען די אָבגעשלאָסענהייט. קיינער האָט ניט געקענט ארויסגעהן אויף די פרייע לופט. עס איז געוואָרען אזוי קאַלט, אז זאָגאר די רוסען, וועלכע האָבען שוין געווינט אויף דעם אייז־מעער, פלעגען ניט קענען ארויסגעהן אין דער אייבערשטער הייל. אלע האָבען געמוזט זיצען טיעף אין קראַטער, וואו עס איז נאָך געווען אזוי ווארים, אז מען האָט געקענט אָטהעמען.

אזוי זיינען פערגאַנגען איין טרויריגער מאָנאַט נאָך דעם אנדערן. די שפּאַניער האָבען אָנגעהויבען קראַנק צו ווערן פון לאַנגווייליגקייט און אָבגעשלאָסענהייט.

אין א שעהנעם פריה מאָרגען האָט פּראָפעסאָר ראָזעט אויסגערופען פול פרייד:

— מיר קומען נעהנטער! די גאַלליא איז יעצט נור 190 מילליאָן מיילען ווייט פון דער זון! מיר געהן צוריק! מיר וועלען באלד האָבען ווארים אונד שעהן!

די אנוואוינער פון דער גאַלליא זיינען שוין געוואוינט געוואָרען צו בעטראַכטען דעם פּראָפעסאָר אלס געלערנטער, אָדער אלס צויבערער — כישוף מאַכער, וועלכער ווייס אלעס און קען מאַכען אלעס. די שפּאַניער און די רוסישע מאַטראָזען האָבען זיך איינגערעדט, אז ער איז א צויבערער. אלע איבעריגע האָבען געוואוסט, אז ער איז א גרויסער געלערנטער, א בעריהמטער אסטראָנאָם, וועלכער קען דעם הימעל אזוי גוט, ווי זיין פראנקרייך.

אלע זיינען ארויפגעגאַנגען אין די אייבערשטע גאַללעריען זעהן, וואָס עס הערט זיך און וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט.

עס איז נאָך געווען שטארק קאַלט, די ווערטער פון דעם פּראָפעסאָר האָבען אָבער אין זיי איינגעפלעסט אזוי פיעל מוטה, אז זיי האָבען זיך

אונטערשטעלט ארויס צו געהן פון הייל און אראָפּגעהן צום ברעג. ערשט יעצט האָבען זייא בעמערקט, אזביידע שיפען, דיא „דאָבריניא“ און דער „נעאָרגאָס“ שטעהן יעצט 150 פוס העכער, וויא פריהער. דאס אייז האט זיי ארויפגעשרויבט, ארויפגעקוועטשט.

— מיין „דאָבריניא“ איז פערלאָרען, האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געזיפצט. ווען עס וועט ווארים ווערן, וועט זיא מיט אמאָל אראָפּפאלען און צו קוועטשט ווערן פון אייז.

דאָס וועטער איז נאָך געוועזען שטארק פערפראָרען, דאָס אייז איז געוועזען גלאט, וויא א שפּיעגעל, און מען האָט געקענט זעהן אויף איהם דיא שפּורען פון דעם אייז־באָאָט, אויף וועלכען מען האָט געבראכט דעם פּראָפעסאָר.

לאנג בלייבען אין דרויסען איז געוועזען אונמעגליך, עס איז נאָך געוועזען צו קאלט, מען האָט געמוזט צוריק געהן אין קראטער זיך אָנצו־ווארעמען.

ווען אלע האָבען זיך פערזאמעלט, האָט קאפּיטאן סערוואדאק געזאָגט:

— עס קומט דער זומער, דאָס הייסט דיא גאַליא קומט ווידער נאָהענט צו דער ערד, עס קען אכזאָ מעגליך זיין, אז מיר וועלען געפינען א מיטעל צוריק צו קומען א היים. מיר ווייסען, אז אין דער פעסטונג גיבראלטאר געפינען זיך ענגלישע סאָלדאטען און אָפיציערן. מיר האָבען זייא שוין איינמאָל בעזוכט און האָבען זייא געבעטען, זייא זאָלען זיך פעראייניגען מיט אונז, זייא האבען אָבער אונז ניט געוואָלט הערן, יעצט אָבער ווען מיר האָבען א האָפנונג ווידער צו קומען אויף דיא ערד, נעמען איך עס פאר רעכט און מענשליך, אז מיר זאָלען נעהן צו זייא, זאָלען זייא ערקלערן, וואו מיר געפינען זיך יעצט און וואָס פאר האָפנונגען און אויסזיכטען מיר האָבען צו קומען א היים.

— איהר האָט פאָלקאָמען רעכט, קאפּיטאן סערוואדאק! האָט געראָפ טימאשאוו אויסגערופען, אויסער וואס עס איז מענשליך און עהרליך זיי איינצולאדען צו אונז, איז עס אויך קלוג און קען אונז ברענגען נוצען, ווייל אין אזא פאל וואס מעהר מענשען מען האָט, איז אלץ בעסער, בעזאָנדערס ווען עס זיינען קלרנע און געבילדעטע מענשען. — וואס דענקט איהר, קאפּיטאן פּראָקאָפּ?

— איך דענק אויך, אז עס איז אונזער פפליכט זיי צו בעזוכען, זיי צו ערקלערן אלעס וואָס מיר ווייסען פון פּראָפעסאָר ראָזעט, און זייא איינצולאדען אונז בעהילפליך צו קומען א היים.

— דענקט איהר אָבער, אז מיר וועלען קענען צוקומען צו זיי? האָט גראף טימאשאָוו ווייטער געפרעגט.

— מיר קענען ווידער פּראָבירען מאכען א רייזע אויף אונזער אייזבאָאָט, האט שיפסקאַפּיטאן פּראָקאָפּ געענטפערט, מיר קענען אויפּפּאסען דעם ריכטיגען ווינד און צו פאהרען צו זייא.

— וויא לאנג זאָל געדויערן אזא רייזע? האָט גראף טימאשאָוו ווייטער געפרעגט.

— ווען מיר וועלען נור האָבען גענוג ווינט, קענען מיר אין דרייא טעג זיין הין און צוריק.

— לזאָ דארפט איהר פאהרען צו זייא.

מען האָט אָפּגערעדט, אז גראף טימאשאָוו, שיפסקאַפּיטאן פּראָקאָפּ אונד בן זוף זאָלען פאהרען. קאַפּיטאן טערוואדאק זאָל בלייבען אין דער היים אלס גענעראל גובערנאטאר, בן זוף אָבער זאָל מיט פאהרען אלס פערטרעטער פון דער פראנצויזישער רעגיערונג.

מען האָט אלעס אָפּגערעדט און באלד געמאכט אלע נעטהיגע פארבערייטונגען אויף דיא רייזע.

דעם אנדערן טאָג האָט מען געווארט, ביז עס האָט זיך אויפגעהויבען א גוטער ווינט און מען איז אוועק געפאהרען. אין דרויסען איז נאך געוועזן שטארק קאלט עס איז אָבער יעצט געוועזן פיעל אנגענעהמער צו פאהרען, וויא דאמאלס ווען מען איז געפאהרען נאך דער אינזעל פאָרמענטערא. דאָס אייז איז יעצט געוועזן הארט וויא שטאָהל און גלאט וויא א שפּיגעל, דער קלענסטער ווינט האָט אויפגעבלאזען דיא זעגעל און געטריעבען דאָס לייכטע באָאָט מיט אן אונגעוועהנליכער שנעללינקייט.

דעם אנדערן טאג גענען מיטאג איז דאָס באָאָט אנגעקומען נאך גיבראלטאר, קוים האָט דיא וואך אויף דעם טהורם דערזעהן א באָאָט קומען, האָט זיא עס אנגעציינט אין דער פעסטונג און דיא גאנצע גארניזאָן מיט אלע אָפיציערן זיינען ארויסגעקומען זעהן אויב עס איז נים א פיינד. דער קאָמאנדירענדע אָפיציער, מאיאָר אָליפאנט האָט זאָגאר געהייסען פערטיג מאכען דיא קאנאָנען צום שיעסען.

ווען שיפסקאַפּיטאן פּראָקאָפּ, גראף טימאשאָוו און בן זוף זיינען ארויס

אויפ'ן ברעג און דיא ענגלענדער האָבען געזעהן, אז עס זיינען געקומען נור דרייא מענשען, האָט מאיאָר אָליפאנט זייא געפרעגט.

— ווער זיינט איהר, און וואָס דארפט איהר?

— דערקענט איהר אונז ניט? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט פערוואונדערט, מיר זיינען, דאכט זיך שוין בעקאנט.

— איהר זייט קיינע ענגלענדער און דארום קענען מיר אייך ניט, איז געווען דיא שטאָלצע אנטוואָרט.

— מיר זיינען מענשען און קומען צו אייך אלס פריינד. האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט ערנסט, אלס ענגלענדער און אלס דשענטעלמען דארפט איהר זיין גאסט פריינדליך.

— וואָס פערלאנגט איהר דען פון אונז?

— איך וויל מיט אייך רעדען איבער א זעהר וויכטיגען פונקט.

— דאן זאָל איינער פון אייך ארויפקומען צו אונז און דיא איבעריגע זאָלען בלייבען אויפ'ן ברעג, ביז מען וועט זייא רופען, האָט געזאָגט מאיאָר אָליפאנט מיט א בעפעהלענדע שטימע.

גראף טימאשאָוו איז ארויפגעגאנגען אויף דעם הויכען שטיין, אויף וועלכען עס געפינט זיך דיא פעסטונג גיבראלטאַר.

— מיט וועמען האָב איך דיא עהרע צו רעדען? האָט מאיאָר אָליפאנט געפרעגט.

— מיט גראף וואסילי אנדרעעיעוויטש טימאשאָוו, איז געווען דיא אנטוואָרט.

מאיאָר אָליפאנט האָט איהם אויסגעשטרעסט דיא האנד. פאר א גראף האָט מען רעספעקט זאָגאר אין ענגלאנד, פון דעסטוועגען האָט דער שטאָלצער ענגלענדער נאָך ניט איינגעלאדען גראף טימאשאָוו צו זיך, זאָנדערן האָט איהם געפרעגט גאנץ העפ'יך:

— מיט וואָס קען איך אייך דיענען, העדר גראף?

גראף טימאשאָוו האָט איהם דערצעהלט אין קורצע ווערטער, וואו זייא געפינען זיך, אז ביי זייא געפינט זיך יעצט דער בעריהמטער געלערנטער פאלמערין ראָזעט און וואָס זייא דענקען ווייטער צו טאָהן.

ביים דיעזער געלעגענהייט האָט ער איהם געפרעגט, וויא אזוי זייא האָבען אויסגעהאלטען דעם שרעקליכען ווינטער.

— אָה! ענגלאנד לאָזט ניט פאלען זיינע סאָלדאטען! האָט מאיאָר אָליפאנט אויסגערופען. אונזער פעסטונג האָט שטארקע מויערן און מיר האָבען נאָך גענוג קוילען צו הייצען, צו קאָכען און צו באַקען.

— אָבער דאָס וועט דאָך ענדליך אויסלאָזען זיך, האָט גראף טימאשאָוו בעמערקט.

— דאַן וועט ענגלאנד אונז שיקען אנדערע קוילען. האָט מאיאָר אָליפאנט געענטפערט.

— אָבער ענגלאנד איז זעהר וויט פון אייך?

— פאר ענגלאנד איז ניטאָ קיין וויטקייט? האָט דער מאיאָר אָליפאנט אויסגערופען שטאָלץ, — ענגלאנד שיקט איהרע שיפען אין עס וועלט.

— אָבער מיר זיינען יעצט וויטער פון עקוועלט, מיר זיינען יעצט אויף דעם קאָמעט גאַלליא, האָט גראף טימאשאָוו ערקלערט.

— נו וועט ענגלאנד אונז שיקען שיפען נאָך דעם קאָמעט גאַלליא.

— איבערלעגט גאנץ גוט, וואָס איהר טהוט, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט ערנסט, מיר געפינען זיך יעצט הונדערטער מילליאָנען מייקען וויט פון דער ערד.

— וואס קימערט דאס אונז? האָט מאיאָר אָליפאנט, געפרעגט, ענגלאנד בעהערשט טויזענדער מילליאָן מיילען לאנד און ווען ענגלאנד הייסט אונז שטעהן אין גיבראלטאר, מוזען מיר דאָ בלייבען.

— אלזאָ דענקט איהר גאָר ניט אוועקצוגעהן פון דאנען.

— וויא קענען מיר עס דענקען, ווען מיר האָבען קיין בעפעהל פון ענגלאנר? ווייסט איהר דען ניט, אז דיא פעסטונג גיבראלטאר היט אָפּ דעם אריינגאנג צום מיטעללענדישען מעער?

— אום גאָטעס ווילען! עס איז דאָך קיין מיטעללענדישעס מעער דאָ אויף דער גאַלליא! האָט גראף טימאשאָוו אויסגערופען.

— נו, דאָס וועט ענגלאנד ניט דערלאָזען! פאר ענגלאנד איז שטענדיג דאָ א מיטעללענדישעס מעער.

גראף טימאשאָוו איז געבליעבען שטעהן, וויא צו מישט; ער האָט ניט געוואוסט, וואס צו דענקען פון דיעזען מענשען: איז ער פעררי‏קט אָדער איז ער וירקליך אזוי פערגלויבט אין דיא מאכט פון ענגלאנד, אז ער האט זיך ווירקליך איינגערעדט, אז ענגלאנד קען אלעס טאָהן, זאָגאר דאָס אונמעגליכע. ער האט

געטראכט איינינע מינוט און האָט זיך ענטשלאָסען צו מאכען די לעצטע פּראָבע, דארום האָט ער געפרעגט:

— ווילט איהר נים אונז בעווזען און מאכען דיא בעקאנטשאפט פון דעם געלערנטען אלמערין דע ראָזעט?

— ווען איך וועל האָבען א בעפעהל פון ענגלאנד, וועל איך עס טאָהן, האָט מאיאָר אָליפאנט געענטפערט.

— איהר וועט דאָך אָבער באלד מוזען ליידען הונגער, ווייל אייער פּראָוויאנט מוז זיך דאָך באלד אויסלאָזען.

— ענגלאנד לאָזט נים איהרע סאָלדאטען שטארבען פון הונגער, איז געווען דיא אנטוואָרט, ווען עס וועלען זיך אויסלאָזען אונזערע לעבענס מיטעל, וועט ענגלאנד אונז שיקען א שיף מיט פרישע לעבענס מיטעל.

גראף טימאשאָוו האָט געזעהן, אז ער קען גאָר נים מאכען מיט דיעזע ענגלענדער און ער האָט געזאָגט:

— אלזאָ, גוד ביי!

— גוד ביי! האָט געענטפערט רוהיג און קאלט מאיאָר אָליפאנט.

גראף טימאשאָוו איז אראָפּגעגאנגען צום באָאָט.

— נון, וואָס זאָגען דיא הערען ענגלענדער? האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געפרעגט.

— זייא זאָגען אז ענגלאנד, וועט זייא העלפען, האָט גראף טימאשאָוו געענטפערט, — עס איז גאָר קיין וואונדער, וואס ענגלאנד נעהמט אָפּ דיא וועלט, מיט אזעלכע געטרייע סאָלדאטען, קען מען ווירקליך אָפּנעהמען דיא גאנצע וועלט.

דאָס האָט פערדראָסען דעם פראנצויז בן זוף.

— ענקט איהר גראף, אז דיא ענגלישע סאָלדאטען זיינען בעסער פון דיא פראנצויזישע? האָט ער געפרעגט אונרוהיג.

— דיא פראנצויזישע סאָלדאטען זיינען מוטהיג און טאפּפער, זייא דענקען אבער צו פיעל און אורטהיילען איבער זייער רעגיערונג, האָט גראף טימאשאָוו געענטפערט, דיא ענגלישע סאָלדאטען גלויבען אין זייער רעגיערונג, וויא פּאַטריקער, און דארום זיינען זייא אויך אין פיעלע בעציעהונגען בעסער.

— דאָס קען נים זיין! דאָס איז נים וואהר! האָט זיך בן זוף געקאָכט.

— לאָמיר בעסער פאהרען א היים, האט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ זיך אריינגעמישט און געמאכט אן ענדע צו דעם שטרייט.

מען האָט זיך ווידער אריינגעזעצט אין באָאט און מען איז א היים געפאהרען. בן זוף איז געווען בייז און האָט דעם גאנצען וועג קיין וואָרט געזאָגט.

8טעס קאפּיטעל.

מאכען א לופט באללאָן.

ווען גראף טימאשאָוו איז צוריק געקומען. האָט ער געוואָלט דערצעהלען דעם פּראָפעסאָר, וויא דיא ענגלענדער האָבען איהם אויפגענומען און וואָס זייא האָבען איהם געענטפערט, ווען ער האָט זייא איינגעלאדען צו זיך: דער פּראָפעסאָר איז אָבער געווען אזוי פערטיעפט אין זיינע רעכנונגען, אז ער האָט פון קיין זאך ניט געוואָלט הערען, און ווען גראף טימאשאָוו אָדער קאפּיטאן סערוואדאק פלעגען וועלען רעדען צו איהם, פלעגט ער א געשרייא טאָהן:

— שטערט מיר ניט! לאָזט מיר ארבייטען!

— וואָס איז עפּעס היינט מיט איהם? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט קאפּיטאן סערוואדאק, — האָט פּאסירט עפּעס ניי״ס אין דער צייט, ווען מיר זיינען געווען אין וועג?

— שוין זייט עטליכע טעג האלט דער פּראָפעסאָר אין איין רעכענען, האָט סערוואדאק געענטפערט. ער עסט ניט, ער טרינקט ניט, ער שלאָפט ניט, ער וויל מיט קיינעם ניט רעדען א וואָרט, און האלט אין איין רעכענען אונד רעכענען.

— דאן לאָמיר איהם לאָזען צו רוה, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט וויא צו זיך אליין.

עס זיינען אזוי פערגאנגען נאָך דרייא טעג און דער פּראָפעסאָר האָט אלץ גערעכענט. אין א שעהנעם פריה מאָרגען האָט ער אָנגעהויבען צו טאנצען, צו שפּרינגען און צו שרייען:

— ע האט מיך אפגענארט! ער האט מיך בעשווינדעלט! ער האט מיך בערויבט

קאפיטא סערוואדאק, גראף טימאשאוו, בן זוף און שיפסקאפיטאן פראקאפ זיינען געקומען צו לויפען און האבען געקוקט אויף דעם געלערנטען מאן מיט שרעק און שטוינען: זייא האבען געמיינט אז ער איז אראפ פון זינען.

ענדליך האט זיך קאפיטאן סערוואדאק ערלויבט צו פרעגען:

— הערר פראפעסאר ווער האט עס אייך בעשווינדעלט?

— ער! דער אלטער גרעק! האט דער פראפעסאר געשריען און געטאנצט פאר צארן און פערדרוס.

— אום גאטטעס וויללען! וויא אזוי האט ער אייך געקענט בעשווינדלען? וואס פאר געשעפטען האט איהר דען מיט איהם געמאכט?

— זיין קאנטער איז פאלש, זיין וואג איז פאלש, זיין געלד איז פאלש אונד אלע מיינע רעכנונגען זיינען געוועזן פאלש! האט דער פראפעסאר געשריען אויסער זיך, איך האב געמוזט איבער רעכענען נאך א מאל אלעס פון אנפאנג. ער האט מיך פערפיהרט מיט זיין פאלשער וואג!

— אבער וויא אזוי זייט איהר עס געוואהר געווארען?

— וויא אזוי? האט דער פראפעסאר זיך געקאכט, — וואס זיינען דאס פאר מענשען? — זייא זעהן דאך עפעס גאר נישט! — האט איהר דען ניט בעמערקט, אז דיא גערינא אונזער לבנה, איז פערשוואונדען געווארען? ווייסט איהר פאר וואס דאס איז געשעהען? פערשטעהט איהר, וואו זיא איז אהינגעקומען? — איהר פערשטעהט עס ניט, איך האב עס אויך ניט פערשטאנען, וויל דער שווינדלער האט מיר געגיבען א פאלשען קאנטער און מיינע רעכנונגען זיינען געוועזן פאלש.

ביי דיעזע ווערטער האט ער זיך אנגעשפארט אן דער וואנט, גלייך וויא דאס וואלט געוועזן זיין פראפעסאר שטוהל אין דער אוניווערזיטעט, און האט אנגעהויבען צו ערקלערען, וויא אזוי דער גרעק האט איהם פערפיהרט און אפגענארט מיט זיין פאלשען קאנטער.

דיא ערקלעהרונג האט געדויערט גאנצע צווייא שטונדען און, מיר מוזען זאגען דיא וואהרהייט, אז ניט קאפיטאן סערוואדאק, ניט גראף טימאשאוו אונד זאגאר ניט דער געלערנטער שיפסקאפיטאן פראקאפ, האבען ניט פערשטאנען אלעס, וואס דער געלערנטער מאן האט ערקלערט. פון זיין גאנצער

לאנגער רעדע האָט מען נור אזוי פיעל פערשטאנען, אז אין איין אונד זעכציג טעג ארום וועט דער קאָמעט זיך ווידער אנשטויסען אָן דער ע״ד.

ווען אלע זיינען ענדליך אוועק געגאנגען פון דעם פּראָפעסאָר, האָט בן זוף געפרעגט קאפּיטאן סערוואדאק:

— וויא באלד אז דער הערר פּראָפעסאָר איז אזוי געלערנט און וויים אזוי פיעל זאכען, פאר וואָס מאכט ער נים, אז דער קאָמעט זאָל געהן, וואוהין מיר דארפען?

קאפּיטאן סערוואדאק האָט א שמייכעל געטאָהן און האָט געענטפערט:

— מיין ליעבער בן זוף, דוא האָסט א גרויסען טעות, נים נור פּראָפעסאָר פּאלמערין ראָזעט, זאָנדערן אלע געלערנטע פון דער וועלט קענען נים ענדער אויף א האָר דעם גאנג פון דעם קלענסטען שטערן.

— אלזאָ פערשטעה איך נים צו וואָס מען דארף דאָס גאנצע לערנען און דאָס גאנצע שטודירען?

— מיר לערנען אום צו וויסען, אז מיר וויסען גאָר נישט און קענען גאָר נישט, האָט קאפּיטאן סערוואדאק געענטפערט.

— אזוי!...... האָט בן זוף געברומט.

עס איז שוין געוועזן שפּעט און מען איז געגאנגען עסען. דאָס מאָל האָט דער פּראָפעסאָר געגעסען מיט אלעמען צוזאמען, אָבער דער גרעק האָט מורא געהאט זיך צו ווייזען פאר איהם, דער פּראָפעסאָר וואָלט איהם דערוואָרגען, ווען ער זאָל געוועזן איהם בעגעגענען.

דעם אנדערן טאָג אין דער פריה האָבען זיך אלע פערזאמעלט און האבען זיך בעראטהען, וואָס זייא זאָלען ווייטער טאָהן.

— עס איז יעצט שוין געוויס, אז אין 60 טאָג ארום וועט דיא גאלליא זיך ווידער אָנשטויסען אָן דער ערד, האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געזאָגט, דאָס מאָל האָט דער פּראָפעסאָר עס ריכטיג אויסגערעכענט און מיר זעהן, אז עס ווערט מיט יעדען טאָג ווארעמער, דער בעסטער בעווייז, אז מיר קומען צוריק. אלזאָ וואָס זאָלען מיר טאָהן אין אזא פאלל?

— וואָס קענען מיר דען טאָהן? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט, וויא אזוי קענען מיר זיך דען העלפען? — מיר זיינען אין גאָטס האנד און ער וועט אונז העלפען.

— ניין, הערר גראף! האָט קאפּיטאן סערוואדאק אויסגערופען, גאָטט

העלפט דעם, וועלבער וויל זיך אליין העלפען, אזוי וויא מיר ווייסען, וואס פאר א געפאהר עס דראָהעט אונז, מוזען מיר זוכען מיטעל אונז צו העלפען.

— איך געפין קיין מיטעל, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט טרויעריג.

— לאָמיר זעהן, וואָס עס קען פאָרקומען, ווען דיא גאללִיא וועט זיך צר זאמענשטויסען מיט דער ערד, האָט שיפסקאפיטאן ווייטער געזאָגט, עס קען פאָרקומען דאָס זעלבע, וואָס עס איז פאָרגעקומען, ווען מיר זיינען געקומען אויף דיא גאללִיא, דאָס הייסט, דיא גאללִיא וועט ווידער אָפרייסען א שטיק פון דער ערד און וועט אנטלויפען דער מיט, דאן זיינען מיר פערלאָרען: מיר האָבען שוין באלד קיין לעבענס מיטעל און דער וואולקאן ווערט אלע מאָל קעלטער. עס קען אָבער אויך זיין, אז דיא גאללִיא וועט ארויפפאלען אויף דיא ערד און וועט בילדען א נייעם בארג, זיא וועט זיך פעראייניגען מיט דער ערד, דאן קען זיא אונז צו קוועטשען און צורייבען. מיר ווייסען דאָך ניט, וועלכער טהייל פון דער גאללִיא וועט זיך אָנשלאָגען אָן דער ערד.

— דאָס ווייס דאָך געוויס דער פּראָפעסאָר, האָט בן זוף זיך אריינ־ געמישט.

שיפסקאפיטאן פּראָקאָפ האָט זיך געמאכט ניט הערענדיג אונד האָט ווייטער געקלערט:

— עס קען זיין, אז דיא גאללִיא וועט זיך אָנשטויסען ניט מיט דער זייט, וואו מיר געפינען זיך יעצט, זאָנדערן דיא אנדערע זייט, דאן וואָלטען מיר געקענט אויסהאלטען דעם צוזאמענשטויס, אָבער מיר ווייסען דאָך, אז פון יעד־ דער בעוועגונג ווערט היץ. מיר ווייסען, אז ווען דיא רעדער פון א וואגען דרעהן זיך שטארק, צינדעט זיך אָן דער אקס, ווייל בעוועגונג מאכט היץ; מיר ווייסען אויך, אז ווען מען רייבט שטארק איין שטיק האָלץ אָן דעם אנדערן, צינדעט עס זיך אָן און עס ווערט א פייער, ווען עס וועלען זיך אלזאָ צונויפקומען אזעלכע 2 גרויסע קערפּער, וויא דיא גאללִיא און דיא ערד, וועט דאָך ווערן אזא היץ, אז מיר וועלען פערברענט ווערן.

— אונזער לאגע איז ווירקליך א פערצווייפעלטע, האָט קאפיטאן סערוואדאק געזאָגט, וויא צו זיך אליין.

— איך פערשטעה ניט, פאר וואָס מיר, זאָלען ניט אנטלויפען פון דער גאללִיא? האָט זיך נאָר פלוצלונג בן זוף אריינגעמישט. — וויא באלד מיר

וועלכען זיין אזוי נאָהענט פון דער ערד, אז דיא גאַלליאַ וועט זיך אַנשלאָגען אָן איהר, סענען מיר דאָך אַראָפּשפּרינגען פון דער גאַלליא אויף דיא ערד ?

גראף טימאשאָוו און קאַפּיטאן סערוואדאַק האָבען א לאַך געטאָהן: בן זוף האָט געזאָגט אזא נארישקייט, אז מען האָט געמוזט לאַבען. שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ אָבער האָט זיך פערטראכט און האָט געזאָגט גאַנץ ערנסט:

— ווייסט איהר, מיינע הערען, אז בן זוף האָט אונז אויפגעגעבען א גרויסארטיגען פּלאַן ?

— וואָס מיינט איהר, פּראָקאָפּ ? האָט גראף טימאשאָוו געפרעגט.

— אזוי וויא דער פּראָפעסאָר קען אויסרעכענען גאַנץ גענוי, ווען דיא גאַלליא וועט זיך צוזאמען-שטויסען מיט דער ערד, קענען מיר ווירקליך אנטלויפען פון דער גאַלליא.

— אנטלויפען ? וויא אזוי ?

— אין א לופט באַללאָן !

— אין א לופט באַללאָן ? האָט קאַפּיטאן סערוואדאַק איבער געפרעגט.

— יא, מיין פריינד, אין א לופט באַללאָן, האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געענטפערט. — לאָמיך זיך ערקלערן. מיר קענען מאַכען א גרויסען און שטארקען לופט באַללאָן, וועלכער זאָל זיין אימשטאנד אונז אויסצוהאלטען נור איין שטונדע. דיא ערד איז גרעסער פון דער גאַלליא, אלזאָ האָט זיא א שטארקערע אנציע־הונגס קראַפט, א גרעסערן כח המושך, און זיא וועט צו ציהען אונזער לופט באַלאָן צו זיך.

— איהר האָט פאָלקאָמען רעכט, פּראָקאָפּ ! האָט גראף טימאשאָוו אויסגערופען.

— איהר האָט דאָך אָבער בעוויעזען, אז עס וועט ווערן א שרעקליבע היץ, דאַן קען דאָך אונזער לופט באַלאָן פערברענט ווערן, האָט קאַפּיטאן סערוואדאַק בעמערקט.

— דאָס איז זעהר מעגליך, אזוי וויא דער לופט באַללאָן וועט אָבער שוועבען אין דער הויך, קען זיין, אז ער וועט ניט פערברענט ווערן. אלעס איז מעגליך, אָבער איך זעה קיין אנדער מיטעל אונז צו רעטען.

— פּראָקאָפּ האָט רעכט, האָט גראף טימאשאָוו עזאָגט, מיר געפינען זיך און א זעהר טרויעריגער לאַגע, אין א פערצווייפעלטער לאגע, אלזאָ מוזען

מיר פראָבירען יעדעס מעגליכע מיטעל, וואָס מיר קענען אויסטראַכטען אום אונז צו רעטען.

— איך בין צופריעדען מיט א לופט באַללאָן, וויא אַזוי אָבער ווען מיר מאַכען א לופט באַללאָן? האָט סערוואַדאַק געפרעגט, איהר ווייסט דאָך אלע, אז א לופט באַללאָן ווערט אָנגעפילט מיט וואַסער שטאָף, א גאַז, וועלכער איז 14 מאָל לייכטער אלס לופט און דאַרום פליהט ער אין דער הויך. אזוי וויא האָלץ שווימט אויף וואַסער, ווייל עס איז לייכטער פון וואַסער, אזוי שווימט א באַללאָן מיט וואַסער שטאָף אויף דער לופט, ווייל ער איז לייכטער פון דער לופט. אַלזאָ וואו וועלען מיר נעהמען וואַסער שטאָף? — מיר האָבען קיין מאַשין צו מאַכען וואַסער שטאָף.

— מיר קענען מאַכען א לופט באַללאָן מיט הייסער לופט, האָט שיפס־קאַפּיטאַן פּראָקאָפּ געענטפערט.

— וואָס איז דאָס? האָט בן זוף געפרעגט, וואָס הייסט הייסע לופט?

— הייסע לופט איז לייכטער פון קאַלטער לופט, האָט קאַפּיטאַן פּראָקאָפּ איהם ערקלערט, ווען מען האַלט א ליכט אין די הענד אין א ווינטער טאָג און מען עפענט א טהיר פון א וואַרעמעס צימער, קען מען זעהן, אז ווען מען האַלט דאָס ליכט אין דער הויך. ציעהט זיך די פלאַם פון צימער אין דרויסען, האַלט מען אָבער דאָס ליכט אינטען, ציעהט זיך די פלאַם פון דרויסען אין צימער. פאַר וואָס איז עס? — ווייל אין צימער איז וואַרם, עס איז געהייצט, די וואַרעמע לופט ווערט לייכטער און שווימט ארויף, די קאַלטע לופט אָבער איז שווער און ווען מען עפענט די טהיר, קומט זי אריין פון אונטען אין צימער.

— דאָס פערשטעה איך, האָט בן זוף געזאָגט, אָבער וויא קומט דאָס צו א לופט באַללאָן?

— נו, זעהסט דו, פריינד בן זוף, דו ביסט א פראַנצויז און ווייסט ניט די געשיכטע פון דעם לופט באַללאָן.

— צו וואָס דאַרף איך עס וויסען? האָט בן זוף געפרעגט מיט א בייזען שמייכעל.

— דו ווייסט זאָגאַר ניט, אז א פראַנצויז האָט אויסגעטראַכט דעם לופט באַללאָן.

— איך וויים, אז אלע שעהנע זאַכען האָבען אויסגעטראַכט פראַנצויזען! האָט בן זוף אויסגערופען שטאָלץ.

— ווער איז ער אָבער געווען ? וויא האָט ער געהייסען ? האָט שיפסקאפיטאן פראָקאָפּ געפרעגט, ענדליך וויא אזוי האָט ער אויסגעפונען דעם לופט באללאָן ?

בן זוף האָט זיך פערשעהמט און האָט געשוויגען.

— נו, זעהסט דוא, מיין פריינד, אז מען דארף דאָך עפּעס לערנען אום עפּעס צו וויסען, האָט שיפסקאפיטאן פראָקאָפּ געזאָגט גאנץ ערנסט, — דער ערפינדער פון דעם לופט באללאָן האָט געהייסען זשאָזעף מישעל—יאָזעף מיכעל—מאָנגאָלפיע. ער איז געווען א פּאפּיער פאבריקאנט. איין מאָל האָט ער זיך געשפּיעלט מיט א קייקעלע פון פּאפּיער, וועלכעס האָט זיך צו פעליגער ווייזע אָנגעצונדען און עס איז ארויפגעפלויגען אין דער הויך, וויא מיר זעהען עס זעהר אָפט, ווען מען צינדעט אָן א בלעטעלע סיגארעטען פּאַפּיער. מאָנגאָלפיע האָט עס איבערראשט און ער האָט אָנגעהויבען צו מאכען פּראָבען. ער האָט באלד אויסגעפונען. אז ווען מען מאכט א פייער אין אן ענגען אָרט, ווערט דאָרט דיא לופט אזוי דערהיצט און דארום אזוי לייכט, אז עס איז אים שטאנד אויפצוהויבען א שווערע זאך. ער האָט געמאכט פאָלגענדע פּראָבע: ער האָט צוזאמענגענעהט עטליכע זעק און האָט פון זייא געמאכט א סאָרט קוגעל. דיעזע זעק האָט ער צוגעבונדען צו א בוים און האָט אונטער זייא געשטעלט א קליין איי־וועלע מיט פייער. אין א קורצע צייט האבען זיך דיא זעק אָנגעבלאָזען און האָבען זיך אויפגעהויבען. מאָנגאָלפיע האָט יעצט פּראָבירט צו בינדען צו דיעזע זעק א גרויסען קאָרב. אין דיעזען קאָרב האָט ער געשטעלט דאָס אייוועלע אונד האָט זיך אריינגעזעצט אין קאָרב לעבען אייוועלע אום איהם צו הייצען. דאָס איז געווען אם 15טען יוני 1783. פּלוצלונג האָט זיך דער באללאָן אויפגעהויבען און מאָנגאָלפיע האָט געמאכט זיין ערשטע רייזע הויך אין דער לופט.

בן זוף האָט אויסגעהערט דיעזע ערצעהלונג מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, און ווען קאפּיטאן פראָקאָפּ האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האָט ער אויסגערופען:

— דאָס האָט אויפגעטאָהן א פראנצויז ? — בראווא ! נור פראנצויזען קענען מאכען א זעלכע ערפינדונגען.

שיפסקאפּיטאַן פראָקאָפּ האָט זיך מעהר ניט אומגעקוקט אויף איהם און האָט זיך געווענדעט צו גראף טימאשאָוו און העקטאָר סערוואדאַק:

— אזוי וויא מיר דארפען האָבען א לופט באללאָן נור אויף איין שטונדע,

קענען מיר זעהר לייכט לאָזען פליהען אונזער לופט באללאָן מיט הייסער לופט, וויא מאָנגאָלפיעע האָט עס געמאכט.

— דאָס איז שוין מעגליך, האָט גראָף טימאשאָוו בעמערקט, וואו וועלען מיר אָבער נעהמען דאָס מאַטעריאל פאר אזא גרויסען לופט באללאָן?

— מיר האָבען דיא זעגעל פון דער „דאָברינִיא" און דיא זעגעל פון דעם „גאָרגאָס," האָט שיפסקאפּיטאן פראָקאָפּ ערקלערט, מיר האָבען אויך פיעל זעגעלטוך אויף דער „דאָברינִיא" און איך גלויב, אז מען קען נאָך קריעגען עט־ליכע שטיקער זעגעל טוך ביים אלטען גרעס. מיר וועלען אלזאָ האָבען גענוג זעגעל טוך אום צו מאכען א גרויסען לופט באללאָן, אין וועלכען אלע 36 מענ־שען, וועלכע געפינען זיך בייא אונז, זאָלען קענען אריינגעהן.

דער פּלאַן איז געפעלען, ריכטיגער נאָך, ער האָט געמוזט געפעלען.

— אלזאָ צו דער ארבייט! האָט גראָף טימאשאָוו אויסגערופען, — ווען, דענקט איהר, קען אזא לופט באללאָן פערטיג ווערן?

— אין א מאָנאַט, העכטענס אין 6 וואָכען, האָט שיפסקאפּיטאן פראָקאָפּ געענטפערט.

לעצטעס קאַפּיטעל.

אין דעם לופט באַללאָן צוריק א היים.

מען האָט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. מען האָט אויסגעזוכט אלע זעגעל, מען האָט אויסגעקראצט, וואו מען האָט געפונען א שטיק שטארקע און געדיכטע ליינוואנד, און מען האָט אָנגעהויבען צו נעהען א לופט באללאָן.

קאַפּיטאן סערוואדאָק האָט אלעמען אָנגעזאָגט, זיי זאָלען ניט אויסזאָגען דעם פּראָפעסאָר אז זייא מאכען א לופט באללאָן, אין וועלכען זייא ווילען אנט־לויפען. סערוואדאָק האָט גוט געקענט זיין פּראָפעסאָר: ער וועט אויף קיין פאל ניט וועלען אנטלויפען פון קאָמעט: וויא קען מען עס אנטלויפען, ווען מען קען עפּעס לערנען? ווען מען קען עפּעס אויסשטודירען, עפּעס פערשטעהען? פּראָ־פעסאָר ראָזעט איז געווען גליקליך אויף זיין קאָמעט, ער האָט דאָ געקענט זעהן

ען, נייע לבנות, וועלכע מען קען ניט זעהן פון דער ערד, וויא קען מען אלזאָ אנטלויפען? קען דען אנטלויפען א נייציגער מענש, ווען ער זעהט פאר זיך הויפענס גאָלד? — פראָפעסאָר ראָזעט האָט יעצט געזעהן זאכען, וועלכע זיינען פאר איהם געווען טהייערער פון גאָלד און בריללויאנטען.

אונטערדעסען איז דער קאָמעט צו געקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צו דער ערד. עס איז געוואָרען וואָרעמער און ווארעמער. דאָס אייז איז צושמאָל־צען געוואָרען און עס איז ווידער געוואָרען א מעער. די וואַרימקייט איז אנגע־קומען מיט א מאָל, האסטיג, אונגעדולדיג. עס איז באלד געוואָרען אזוי הייס, אז מען האָט געקענט שלאָפען אין דרויסען, דערפאר אָבער זיינען גאָר פלוצלונג די טעג און די נעכט געוואָרען קירצער. אנשטאט וואָס פריהער פלעגט זיין 6 שטונדען טאָג און 6 שטונדען נאכט, איז צו ערשט געוואָרען 5 שטונדען טאָג און 5 שטונדען נאכט. דאַן איז געוואָרען 4 שטונדען טאָג און 4 שטונדען נאכט, דאַן נור 3 שטונדען טאָג און 3 שטונדען נאכט.

אלע זיינען געוואָרען אונרוהיג און מען האָט זיך בעשלאָסען צו פרעגען דעם פראָפעסאָר, ווארום דאָס איז אזוי. פראָפעסאָר ראָזעט איז אָבער געווען שטארק בעשעפטיגט און פלעגט ניט וועלען ענטפערן. ער איז געוואָרען בעזאָנדערס אויפגערעגט און בייז.

די לאגע איז געוואָרען פערצווייפעלט. דער לופט באַללאָן איז שוין פער־טיג, צו וואָס טויג ער אָבער, ווען מען ווייס ניט גענוי די מינוט, ווען דער קאָמעט דארף צו קומען נאָהענט צו דער ערד? א קופּט באַללאָן וועלכער ווערט געטריעבען מיט הייסער לופט, קען זיך ניט אויפהאלטען א לענגערע צייט אין דער הויך, עס איז א גערעכט, וועלכעס מען מוז עסען הייסערהייט, און מען מוז וויסען גאַנץ גענוי די שטונדע און זאָגאר די מינוט, ווען מען זאָל איהם אָנ־רייטען, ווען מען זאָל איהם אונטערהייצען און ווען מען זאָל זיך אין איהם אריינזעצען.

וואָס טהוט מען אלזאָ? דאָס קען זאָגען נור דער פראָפעסאָר, ער וויל דאָך אָבער ניט ענטפערן און וויל זאָגאר ניט רעדען מיט קיינעם.

— איך וועל עס בייא איהם אויסנאררען, האָט ענדליך קאפּיטאַן סערוואַ־דאַק געזאָגט.

דעם אנדערן טאָג איז ער צוגעקומען צום פראָפעסאָר און האָט געזאָגט גאַנץ רוהיג.

— עס ווייזט מיר אויס, אז איהר האט א טעות געהאט אין אייערע רע־בענונגען, ליעבער פּראָפעסאָר.

— איך האָב א טעות געהאט! האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען בייז, פון וואנען ווייסט איהר עס, העקטאָר סערוואדאק?

— איך זעה דאָך, אז אונזער קאָמעט לויפט עפּעס אזוי שנעל, אז עס איז נור 3 שטונדען טאָג און 3 שטונדען נאכט.

— וואָס ווייסט איהר פון אסטראָנאָמיע? האָט דער פּראָפעסאָר געשריען, איהר פערשטעהט נאָך ניט דעם אלף בית פון אסטראָנאָמיע!

— וויא באלד אז דער קאָמעט לויפט אזוי שנעל, וועט ער פערביי לויפען דיא ערד און וועט גאָר קיין מאָל ניט צו קומען צו איהם, האָט קאפּיטאַן סער־וואדאק געזאָגט גאנץ קאלט בלוטיג, — אייערע רעכנונגען ליעבער פּראָפעסאָר, זיינען אלזאָ ניט ריכטיג.

פּראָפעסאָר ראָזעט האָט אָנגעהויבען צו טאנצען פאר פערדרוס.

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? האָט ער געשריען, וואָס ווייסט איהר פון רעכנונגען? וואָס פערשטעהט איהר פון דעם גאנג פון א שטערן? מיינע רעכנונגען זיינען פּינקטליך ביז צו דער סעקונדע. איך זאָג אייך נאָך א מאָל, אז אין 13 טעג, דאָס הייסט, אין 13 מאָל 24 שטונדען 35 מינוט און 25 און א האלבע סעקונדע וועט מיין קאָמעט זיך אָנשטויסען אן דער ערד.

קאפּיטאַן סערוואדאק האָט ארומגענומען דעם פּראָפעסאָר און האָט איהם א קוש געטאָהן.

— איך ווייס, ליעבער פּראָפעסאָר, אז אייערע רעכנונגען זיינען ריכטיג, האָט ער געזאָגט, איך האָב נור געוואָלט וויסען גענוי, ווען דער קאָמעט וועט זיך צו־זאמענקומען מיט דער ערד.

— און צו וואָס דארפט איהר עס וויסען? האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— מיר ווילען אנטלויפען.

— אנטלויפען פון מ י י ן קאָמעט? האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופען, — דאָס וועל איך ניט ערלויבען.

— הערר פּראָפעסאָר, איהר פערגעסט, אז איך בין יעצט גענעראל־גובער־נאטאר פון דער גאלליא, האָט קאפּיטאַן סערוואדאק בעמערקט.

— איהר זייט גענעראל־גובערנאטאר אויף מיין קאָמעט? האָט דער

פראָפעסאָר געפרעגט פערוואונדערט, ווער האָט עס אייך געמאכט פאר גענע־ראל־גובערנאטאר אויף מיין קאָמעט?

— ליעבער פראָפעסאָר, מיר האָבען בעשלאָסען צו אנטלויפען פון דער גאלליא אין א לופט באללאָן, האָט סערוואדאק איהם ענדליך אויסגעזאָגט, מיר ווילען אייך אויך מיטנעהמען.

— מיך? אויף קיין פאלל! איך בלייב אויף מיין קאָמעט! האָט דער פראָפעסאָר געזאָגט גאנץ ערנסט.

סערוואדאק האָט ניט געוואָלט רייצען דעם געלערנטען מאן און האָט גע־שוויעגען, ביי זיך אָבער האָט ער געטראכט.

— ווען עס וועט קומען דיא צייט, ווילען מיר איהם מיט נעהמען מיט געוואלד.

ערשט יעצט האָט מען זיך גענומען צו דער ארבייט. מען האָט פערטיג געמאכט א גרויסען לופט באללאָן און מען האָט אויף איהם אויפגעהאנגען איינס פון דיא באָטע פון דער „דאָבריניא.“ שיפסקאפיטאַן פראָקאָפ האָט אויסגע־רעכענט, וויא פיעל געוויכט (משא) דער לופט באללאָן קען טראָגען און ער האָט אויסגעפונען, אז זייא ווילען ניט קענען מיטנעהמען א פונט געוויכט מיט זיך, זייא ווילען אלזא מוזען לאָזען אויף דער גאלליא אלעס, זאָגאר זייערע קליידער, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען, יעדער האָט געוואָלט צוריק קומען אויף דער ערד.

ענדליך איז געקומען דער ערשטער יאנואר, דער טאָג ווען דער קאָמעט האָט געדארפט זיך אָנשלאָגען מיט דער ערד. מיט זעקס שטונדען פריי־הער האָט קאַפּיטאַן סערוואדאק געהייסען יעדען אריינגעהן אין באָאָט נור דעם פראָפעסאָר האט מען געלאָזען ביז אין דיא לעצטע מינוט.

אלע האבען געטאָהן, וויא מען האָט זייא געהייסען, נור דער גרעק האָט נ ט געוואָלט איבערלאָזען זיינע וואארען און זיין געלד ער האָט געוויינט, געשריען, זיך געבייזערט אונד זאָגאר געדראהעט, אז ער וועט אלעמען פער־קלאָגען אין געריכט, וויל מען האָט איהם בערויבט, מען האָט צוגענומען זיין פערמעגען. ענדליך האָט מען איהם מיט געוואלד אריינגעשלעפט אין באָאָט און איהם צוגעבונדען.

א האלבע שטונדע פאר דעם צוזאמענשטויס האָט מען געמאכט א פייער אויף א שטיק בלעך איבער דעם באָאָט, שיפסקאפיטאן פראָקאָפ האָט געהייצט

און האָט געהאלטען זיינע אוהר אין דער האנד. יעצט איז יעדע סעקונדע געוו טהייער, יעצט איז יעדעס שטיקעלע האַלץ געווען טהייער. מען מוז דערביי בז מערקען, אז מען האָט צוהאקט דעם „געאָרגאָס" און מיט זיינע ברעטער האָט מ יעצט געהייצט אונטערן לופט באַללאָן.

— שנעל! ברעננט דעם פּראָפעסאָר! האָט פּראָסאָפּ קאָמאנדירט.

קאַפּיטאן סערוואדאק האָט גענומען דעם פּראָפּעסאָר אויף דיא הענד, וויא מען נעהמט א קליין קינד און איז מיט איהם אריינגעשפּרונגען אין באָאָט.

— האקט איבער דעם שטריק! האָט פּראָקאָפּ ווייטער קאָמאַנדירט.

בן זוף האט איבערגעהאקט דעם שטריק, מיט וועלכען דער לופט באַללאָן איז געווען צו געבונדען צו א שטיין.

יעצט האָט זיך דער לופט באַללאָן אויפגעהויבען אין דער הויך אונד איז איינינע אויגענבליק געבליעבען שוועבען צווישען הימעל און ערד, אזוי וויא דער קאָמעט איז אָבער געפלויגען זעהר שנעל, איז דער לופט באַללאָן באלד אריינגעקומען אין דיא לופט פון דער ערד און דיא אנציעהונגס קראפט פון דער ערד, וועלכע איז 7 מאָל שטארקער אלס דיא אנציעהונגס קראפט פון דער גאלליא, האָט איהם באלד צוגעצווינגען צו זיך. ער האָט זיך לאנגזאם אראָפּגעלאָזען און איז געבליעבען אויף א פעלד.

— שנעלל ארויס אלע! האָט קאַפּיטאן פּראָקאָפּ קאָמאנדירט.

אלע זיינען ארויסגעשפּרונגען און האבען אָפּגעהאטהעמט פרייער: זיי האָבען ווידער געהאטהעמט דיא לופט פון דער ערד.

אויף דער ערד איז געווען העלער טאָג. דיא זון האָט געשיינט העלל אונד וואַרם און דיא ערד איז געווען בעדעקט מיט בלומען.

— וואו זיינען מיר ערגעץ אין דער וועלט? האָט סערוואדאק געפרעגט.

— נאָך מיין רעכנונג זיינען מיר אין עגיפּטען, האָט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ געענטפערט.

דאָס איז אויך געווען ריכטיג. באלד זיינען אָנגעקומען אראבער און האָבען זייא געפרעגט, ווער זייא זיינען און וואָס זייא טוהען דאָ. צום גליק, האָט פּראָפעסאָר ראָזעט גערעדט אראביש און, וויא ביז ער איז געווען אויף קאַפּיטאן סערוואדאק, פאר וואָס ער האָט איהם מיט געוואלד צוגענומען פון זיין קאָמעט האָט ער דאָך געפונען פאר נעטהיג צו ערקלערן דיא אראבער, אז זייא געקומע פון הימעל. ער האָט געוואָלט זייא ערקלערן, אז זייא קומען אין א לופט באַללאָן

אראבער האָבען יעס אָבער ניט פערשטאנען און ניט געגלויבט. דיא אראבער
ן זיי אלע געפאנגען און אוועקגעפיהרט נאָך קאאירא. דאָ האָט גראף טי־
אָוו געשיקט מעלדען דעם רוסישען קאָנסיל און סערוואדאק דעם פראנצויזישען
יל און מען האָט זייא אָפּגעלאָזען.

גראף טימאשאָוו האָט אוועקגעשיקט שיפסקאפּיטאן פּראָקאָפּ מיט זיינע מאטראָזען נאָך רוסלאנד, נור דיא קליינע נינא און דעם קליינעם פּאבלאָ האָט ער מיטגענומען מיט זיך. דאן איז ער מיט קאפּיטאן סערוואדאק און בן זוף געפאה־רען נאָך אלזשיר. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אלזשיר, האָט מען זיי דערצעהלט, אז מאדאם רעקאממעע האָט שוין לאנג געהייראטעט אן אנדערן.

— מיר האָבען אלזאָ יעצט קיינע אורזאכע מעהר זיך צו שלאָגען אין א דועל, האָט גראף טימאשאָוו געזאָגט.

זיי האָבען זיך געגיבען דיא הענד און זיינען געבליעבען דיא בעסטע פריינד. גראף טימאשאָוו האָט אוועק געשיקט דיא קליינע נינא און דעם קליינעם פּאבלאָ אין א שולע אין פּאריז און האָט זיי געלאָזען לערנען אויף זיין רעכנונג.

פּראָפעסאָר ראָזעט האָט אָנגעשריעבען עטליכע ביכער איבער אסטראָנאָמיע און האָט בעוויעזען, אז אלע פריהערדיגע בערעכנונגען זיינען ניט ריכטיג, וויל ער איז געוועזען פיעל העכער אין דער וועלט פון שטערן און זונען, און האָט בעסער געזעהן און ריכטיגער בערעכענט פון אלע אנדערע אסטראָנאָמען.

קאפּיטאן סערוואדאק איז געוואָרען אָבערסט (פּאָלקאָווניק) און שפּעטער גע־נעראל און בן זוף איז געוואָרען זיין אדיוטאנט.

מיט 10 יאהר שפּעטער איז גענעראל סערוואדאק מיט זיין אדיוטאנט בן זוף געגאנגען שפּאציערן אין לאו־ווער אין פּאריז.

— זאָגט מיר, גענעראל, זיינען מיר ווירקליך געוועזען אויף א קאָמעט, אָדער האָט עס אונז נור געטרוימט? האָט בן זוף געפרעגט.

— רעדט ניט דערפון, האָט גענעראל סערוואדאק געענטפערט, עס איז פאָראיבער און מען דארף דערפון מעהר ניט רעדען.

ע נ ד

קאטאלאג

אונד פרייז־קוראנט

אונגליקליכע עמעליע	1.25
אוריאל עקאסטא	.10
איבער געלד און עהרע	.75
איד און גרעפין, 4 טהייל	.65
אידישע ביהנע, 1טע טהייל, טהעאטער	
קריטיק	.20
אידישע ביהנע 2טע טהייל, טהעאטער	
ליעדער	.35
אידישע געשיכטע פון פ. וויערניק	.75
אידישע קרבנות	.15
אידישער קאנגרעס אין באזעל	.03
איזאבעלע, קעניגין פון שפאניען	1.00
אייזמעער	.15
אינדיאנער פירסט	.30
אלעקסאנדער דער צווייטער	.35
אמעריקאנישע גליקען, 5 טהייל	.75
אמעריקאנישע הגדה	.05
אשמדאי	.05
באראן און בעראנעסע דעהירש	.3
ביטערע נקבה	.20
ביים טהיר פון גן־עדן	.05
בלאנדער יונגער מאגנאט	.25
בלוטיגע גרעפין	1.25
בלוטיגער צלם	1.50
בעטלער גרעפין	.40
בערויבט און פערלאזין	2.25
בערויבטער קבר	.10
ברוך שפינאזא	.20
גאטטהייט	.10
גאלד גרובען פון קאליפארניע	.50
א גאסט פון יענער וועלט	.05
גיפט מישערין	2.00
גלות מאסקווא	1.00
געבילדעטער מערדער	1.00
געהיימניספאלע ירושה מיט טויז הערצען	1.25
געהיימניספאלער מארד	.15
געהיימער מארד	.05
געהיימע יודען	.15
געהיימער שלאס	.50
גענועזענער ציגיינער אדער גר צדק,	
פארטזעצונג צו דיא ציגיינער	.65
געזוכט אונד געפונען,	.50
גערויבטע קינד,	1.50
געריהמטער טרעפער,	.5
געשיכטע פון אמעריקא	.15

גראספירסט קאנסטאנטין,	.30
גראף מאנטע קריסטא,	.35
גראף עסטערהאזי,	.35
גראף פאטאצקי,	.5
גרויזאמער הערשער,	2.00
גרעסטער דעטעקטיוו,	.10
דאן קיכאט, פון א. הארקאווי,	.50
דאקטאר און צויבערער,	.10
דער דושענטעלמאן, פארזעצונג צום	
פרעזידענט און א פונק אידישקייט,	.75
דריי פארשוינען,	.5
דרייפוס, פון יאהאן פאלייא נויארק,	1.—
הגדה פיר בארדער,	.3
הייראטה פון ד. ס. הערמאלין,	.25
הימעל און וואסער,	.35
היפנאטיזמוס,	.3
המן'ס מפלה,	.3
העלדען פון דער נאכט,	1.—
וואשינגטאן, (ערשטער פרעזידענט אין	
אמעריקא)	.10
וויכגע דוואשע פאהרט אין אמעריקא	.2
וויכגע דוואשע פאהרט פון אמעריקא	.5
וויכגע דוואשע דיא שדכנ'טע	.10
ווילדע מענשען,	.10
אין ווילדען אפריקא,	.10
וויעדער אין דער היים, 2טע טהייל פון א	
רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען	.10
א וועלט אהן טרעהרען,	.3
וועלט באנדיטען,	.35
ווילבערנע האכצייט,	.10
חארשי סטאווראס,	.10
חכמת היד,	.3
חרם דרבנו גרשם,	.10
טויז הערצין,	.75
טיראן,	.30
טיראנישע מוטער,	1.25
טיראנישע רעפובליק,	.30
טערקישער משיח,	.5
טרילבי,	.10
יאנקעל בולע,	.15
יאקעס בעמבע,	
יודישע ציגיינערין אדער דיא גערויבטע קינד,	
פארטזעצונג צו דיא ציגיינערין,	.65
יודקע שמערקעס פאהרט נאך אמעריקא	.5
יודקע שמערקעס גליקען אין אמעריקא	.15

טבּנער שיפּס־קאפּיטאן, 2טער טהייל, פון
אין ווילדען אפריקא, .10
ישוע הנוצרי, ד. מ. הערמאלין, .10
ישוע הנוצרי אדער יוסף פאנדרי, .10
לא תרצח, פון פרענקעל, 1טער טהייל .10
לא תרצח " " 2טער טהייל .15
ליטווישער קעניג פון דיא שנאָרערס .25
ליעבע פון ד. מ. הערמאלין, .10
ליעבע און מיליאָנען, .35
ליעבע און ראכע, .60
ליעבע און רעליגיאָן, .15
ליעדער אלבום, .20
לעצטער בלוט שטורם, .10
מאדאם באבעטא, .10
מאדאם יצר הרע, .15
מאריא מאגדאלענא .3
מגילת דרייפוס, .3
מזיקים, פון ב. גארין, .10
מחמד, .5
מסתרי פאריז, .60
מעשי בראשית, .15
נאפּאלעאָן דער 1טער, .35
נקמה פון א ברמנן, .15
נקמה פון א טאכטער .1.25
נתן דער חכם, .10
סאפהאָ פון אלפאָנז דאדע, .15
סטעמפּעניו, פון שלום עליכם, .15
סיבירישע אייזענבאהן, .25
עדעלשטאט'ס געדיכטע, .15
פאוסט פון געטהע, .10
פאלקס קאלענדאר פון א הארקאווי, .10
פאסקארעלא, .10
פאר'ן גלויבען און פאר'ן פאטערלאנד, .75
א פונק אידישקייט, פארזעצונג פון
פרעזידענט, .75
פיאטאר דער גרויסער, .15
פליה מאשין, .10
פלעווגא, .15
פסח מאגאזין, 100 זייטען, .5
פערוואלדעטער פירסט, .1.25
פערלארענע שיף, .35
פערקעהרטע וועלט מיט דיא נייע וועלט,
8 טהייל, פארזעצונג צו איד און
גרעפין און אמעריקאנישע גליקען, —.1
פראנצויזישע רעוואלוציאָן, .20
פרויען הענדלער, .1.25
פרוכט פון זינד, .10
פרייע ליעבע, .15
פרינצעסין ציליקא, .10
פרינץ אלס רעטעקטיוו, .35
פרעזידענט, 4 טהייל, .65

פריץ,ס מעשה'לאך, .5
פתרון חלומות, .5
צוואנציג אידישע פאלקס ליעדער פון אליקום
צונזער, .25
צוואנציגסטער יאהרהונדערט, .10
צוויא פארלער, .10
ציגיינער, 4 טהייל, .65
קאלומבוס, .3
קאלט און ווארעם, 4 טהייל, .50
קאמעליענדאמע, פון דיומא, .30
קארמען דעם טייוועלס טאכטער, .5
קיובא, .75
קליינע מענשעלאך, .10
קלעאפּאטרע, .30
קעטען און קראנען, .35
קראנען און רעוואלוציאנען, .90
ראטהשילד'ס ביאגראפיע, .10
ראמאנען אלבום, .15
רוסישע געהיימניסע, .1.25
רוסישע קייזערין, .35
רוסישע שפּיאָנען אין בולגאריען .1.25
ריעזען, .10
א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען, .10
א רייזע ארום דער וועלט אין 80טעג, .25
א רייזע אין הימעל, .10
א רייזע צו זיד־פּאָל, .15
רעגינע, .15
רמבּם'ס לעבענס בעשרייבונג, .3
שיילאָק, .15
שווארצע דיאמאנטען, .15
שווארצע האנד, .40
שווארצע חברה, .25
שווארצע קונסט, .10
שווינדלער, .10
שטאדט מסור, .15
שטארקער פון אייזען, .65
שטומער בעטלער, .30
שטערנזעהער, .35
שעהנע העלענא, .5
שפּאניש־אמעריקאנישער קריעג, .40
א שפּאציר אין גיהנום, .3
א שפּיצעל פון א פּורים שפּיעלער, .3
תחית המתים, פון נאָרדוי, .3

גראף טאלסטאָי'ס ביכער.

איוואן איליטש'עס טויט, .10
איוואן דער נאר, .3
איך און מיין מאן, .10
אננא קארעניגא, .25
טאלסטאָי'ס ביאגראפיע, .3
מיין גלויבּען, .10

מיין פריינד'ס פרויא, .10
דער נסיון, .10
פאליקושקא, .10
דיא פערפיהרונג, .10
צוויא דורות, .10
קריעג און פריעדען, .50
קרייצער סאָנאטא, .10
תחית המתים, .15

עמיל זאָלאַ'ס ביכער.

בלוטיגע חתונה, .10
אַ גלח'ס זינד, .10
דיא דאָרפס מיידעל, .10
חייבערשער גרעדע, .25
זשערמינאַל, .40
דער טויט שלעגער, .30
ליעבעס נאַכט, .10
לעבען און טויט, .10
מענשליכע בעסטיעס, .15
נאַנאַ, .35
נאַנטאַ'ס אָדער דער געקויפטער מאַן, .10
עמיל זאָלאַ'ס ביאָגראַפיע, .10
פערגיפטעטער קוס, .25
פּאַריזער דאַמען, .10
פון חופה צום קבר, .10
פרייער־ליעבע, .10

אַבראַמאָוויץ'עס ווערקע.

שלטע מעשה, .10
דאָס ווינטשפינגערל, .15
דיא טאַקסע, .15
יודעל, .15
פישקע דער קרומער, .15
דער פריזיוו, .15
דיא קליאַטשע, .15
שלמה ר' חיים'ס, .10

גאָלדפאַדענס טעאַטערשטיקע (פּיעסען.)

שולמית, .10
באבע מיט'ן אייניקעל, .10
ביידע קוני לעמעל'ס, .10
בר כוכבא, .10
דאָקטער אַלמאַסאַדאַ, .10
כשוף מאַכערין, .10
מליץ יושר אָדער ר' יאָזעלמאַן, .10
קאַבצענזאָהן און הונגערמאַן, .10
שלמית, .10

שייקעוויטש'ס טהעאטער־שטיקע.

דיא קאָקעטע דאמען, .10
דיא שפּאַנישע אינקוויזיציאָן, .10

וויטצי ביכער.

אמעריקאַנישער וויטצלינג, .5
אַנעקדאָטען בוך, .5
הערשעלע אָסטראָפּאָליער, .10
וויטצען אַלבום, .15
וויטצען פון קאָרט, .3
חייקיל דער לץ, .5
מאָטקע חב"ד, .5
שייקע פייפער, .5

מעטהאָדעס צו לערנען ענגליש.

אַלענדאָרף'ס מעטהאָדע מיט'ן שליסעל 1.00
אַמעריקאַנישער לעהרער, בראָשירט אין טאַשען פאָרמאַט, .20
אַמעריקאַנישער לעהרער, געבונדען אין טאַשען פאָרמאַט, .25
דייטש פיר אַנפאַנגער, .5
יודיש־אַמעריקאַנישע שוהלע, געבונדען .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע בראָשירט .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע געבונדען .35
ענגלישע טאַבעלע, .3
ענגלישער אלף־בית, .5
ענגליש אין אַמעריקאַ, בראָשירט, .25
ענגליש אין אַמעריקאַ, געבונדען, .35
ענגלישער לעהר־בוך, .15
ענגלישער לעהרער, בראָשירט, .30
ענגלישער לעהרער, געבונדען, .40
ענגליש־רוסישע מעטהאָדע, געבונדען .35
קראַנץ'ס מעטהאָדע, 75
תורת לשון אַנגלי, אַ ענגליש־העברע־אישע מעטהאָדע, .25

בריפענשטעלער.

האַרקאַווי'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער און ספעלער, .30
האַרקאַווי'ס בריפענשטעלער געבונדען .40
וואָרד'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער, .75
פרייבקעל'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער, .25
האַרקאַווי'ס ענגליש־יודישער בריפענשטעלער, פאָלשטענדיג 1.00

ווערטערביכער.

ענגליש־יודישעס טאשען ווערטערבוך, קלאט באנד, .40
ענגליש־יודישעס טאשען ווערטערבוך, לעדער באנד, .60
ענגליש־יודישעס האנד ווערטערבוך געבונדען, .75
פאלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך, געבונדען, 2.25
פאלשטענדיגעס יודיש־ענגלישעס ווערטערבוך, געבונדען, 2.00
דיטא ביידע צוזאמען געבונדען 1 באנד 4.00

מעטהאדעס.

אריטהמעטיק, אדער רעכנען לעהרער, .10
בוכהאלטונג און געשעפטס־פיהרונג, .25
דאקטאר בוך פון דר. לאנדעס, .25
דער לאיער, לאנדעס געזעצע, .10
דער סיטיזן, .3
קאך בוך וויא צו קאכען און באקען, .25
קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען, און וויא מען ווערט אמעריקאנער סיטיזן, פון א. הארקאווי, 5.

קאשינגס האנד בוך מיטינגס געזעצע, .25
קאשינגס האנד בוך געבונדען, .50
שוואנגערשאפט און קינדער ערציהונג .15

מעטהאדעס פיר קינדער צו לערנען פון אנפאנגס אלף־בית.

אלף־בית באותיות גדולות מאד, .3
וואנט אלף־בית, פיר חדרים אויף לייג־וואנד, סייז 28 ביי 44 .50
דברי הימים לעם בני ישראל, געבונדען .15
דרך אמונה, שלחן ערוך לבני הנעורים .15
למדו היטב פון מ. פיק, .5
למדי הקריאה מיט ענגלישע איבערזעצ. .10
שפה חיה מיט 200 בילדער, געבונדען .15
המתחיל מיט 150 בילדער, " .15
המדרגות העברי מיט ענגלישער איבערזעצונג, געבונדען, .15
תולדות ישרון מיט ענגלישער איבערזעצונג, געבונדען, .15

דיעזע אלע ביכער, בראשורען, מעטהאדעס און ווערטערביכער זיינען פאלשטענדיג, גאראנטירט אז עס פעהלט נים איין בלאט די פרייזען זיינען נור פיר יחדים (איינצעלנע קויפערס), בוכהענדלער בעקומען א גרויסען ראבאט (דיסקאנט.)

די אלע ראמאנען און העפטען זיינען ניט געבונדען, ווען יעמאנד וויל זיי האבען געבונדען בערעכנען מיר 5 סענט פיר יעדען בונד פון 10 העפטען און 6 סענט פיר יעדען בונד פון 15 העפטען.

די בענדער זיינען עקסטרא שטארק געמאכט ספּעציעל פיר לייברעריס. אלע ארדערס ווערדען שנעל און פונקטליך בעזארגט, פארטא פרייא.

בעשטעלונגען, בריעפע און געלדזענדונגען צו אדרעסירען:

51173 Oct. 7. 11

Wieder in der
(Again at home.)

מעטהאָדעס און ווערטערביכער צו לערנען ענגליש.

סענט.

ענגלישע טאבעלע, פון אלכסנדר הארקאווי 2

ענגלישער אלף־בית, פון אלכסנדר הארקאווי 5

ענגלישער לעהר־בוך, פון אלכסנדר הארקאווי 15

אמעריקאנישער לעהרער, אין טאשען פאָרמאט, בראָשירט 20

" " " " געבונדען 25

דער אמעריקאנער (פיר גאליציאנער אידען), געבונדען 15

ענגליש אין אמעריקא, פון אלכסנדר הארקאווי, בראָשירט 25

" " " " " " געבונדען 35

יודיש־אמעריקאנישע שוהלע, פון אלכסנדר הארקאווי, געבונדען 25

ענגלישער לעהרער, פון אלכסנדר הארקאווי, בראָשירט 30

" " " " געבונדען 40

דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע, בעארבייטעט נאך דר. אהנס
דאָלמעטשער, בראָשירט 25

דיא זעלבע נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע, געבונדען 35

קראַנץ'ס ענגלישע מעטהאָדע, איינגעטהיילט אין 28 לעקציאָנען, געבונדען 75

אָלענדאָרפ'ס מעטהאָדע מיט'ן שליסעל, איינגעטהיילט אין 78 לעקציאָנען
און ענטהאלטעט 600 זייטען, פון א. הארקאווי, פיין געבונדען $1.00

ענגליש־רוסיש מעטהאָדע, פון אלכסנדר הארקאווי, געבונדען 35

תורת לשון אנגלי, א ענגליש־העברעאיש מעטהאָדע, פון א. הארקאווי 25

ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער און ספעלער, פון אלכסנדר הארקאווי 30

ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער און ספעלער, פאָלשטענדיג פון
אלכסנדר הארקאווי $1.00

פרענקעל'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, בראָשירט 25

ווארן'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, פיין געבונדען 75

ענגליש־יודישעס טאשען ווערטערבוך, קלאָט באנד 40

" " " לעדער באנד 60

ענגליש־יודישעס האנד ווערטערבוך, געבונדען 75

ענגליש־יודישעס ווערטערבוך, פאָלשטענדיג, געבונדען $2.25

יודיש־ענגלישעס ווערטערבוך, פאָלשטענדיג, געבונדען $2.00

דיטאביידע צוזאמען, געבונדען אין 1 באנד $4.00

העברעאיש־יודיש־דייטש־ענגלישעס ווערטערבוך, פון מ. מינץ 15

בוכהאלטונג און געשעפטס־פיהרונג צו לערנען גרינדליך דיא איינפאכע
און דאָפעלע בוכהאלטונג. דאס איז א גאנץ נייע מעטהאָדע,
פון אלכסנדר הארקאווי 25

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען, וויא אויך בייא

THE HEBREW PUBLISHING CO.,

122-128 Leonard Street, Brooklyn, N. Y.